STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01970

DER NIGN FUN DOYRES

Moses Schulstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילע פון: מ. באהעלפער

M. Schulstein

DER NIGHN FOUN DOÏRÈS

ארויסגעגעבן דורך דעם פאריין פון פוילישע יידן אין פראנקרייך

ASS. J.F.O.P., 14, RUE DE PARADIS, PARIS-10e : אדרעס פון פארלאג

Imp. S.I.P.N., 14, Rue de Paradis, Paris-10

משה שולשטיין

דער ניגון פון דורות

דראמאטישע פּאָעמע אין ניין בילדער

יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק

1950 פּאריז

דער ניגון פון דורות

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

פרידע קאַפּלאַן

ד״ר לאַזאַר קאַפּלאַן

פיליפּ } אירע זין

אַלעקס

לילי (איר טאָכטער)

אַרטור (לילים מאַן)

מינאַ (לאַזאַרס פרוי)

מאָטעלע (לאַנדסמאַן פון די קאַפּלאַנס)

ראָזעט (טעכטערל פון מינאַ און לאַזאַר, ביי 7 יאָר אַלט)

פעליקס

מאַדאַם פרענקעל (אַן אָרעמע, פרומע שכנה)

מאַדאַם זשיראַר

מאַדאַם ווידאַל

הויזוועכטער

הויזוועכטערין

שבתי

אַנטאַני

פאַציענטן, זשאַנדאַרמען, געפאַנגענע, דייטשן, פאַרטיזאַנער, סאָוויעטישע און אַמעריקאַנער אָפיצירן, סאָלדאַטן, רויטאַרמייער.

בילד איינס

פּאַריז, זומער 1939. טיפֿע נאַכט. עס־צימער אין דער וווינונג פֿון דאָקטער לאַזאַר קאַפּלאַן. רעכטס געפֿינט זיך אַ פּיאַנע. אַרטורס און ליליס היימישע חתונה־פּייערונג. עולם מיט גלעזלעך אין די הענט. חתן־כלה אין צענטער. כלה מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנט.

אויסרופֿן פֿון עולם :

— זאָל לעבן דאָס פּאָרפֿאָלק !

— זאָל לעבן !

פֿרידע קאַפּלאַן :

מזל־טוב

אייך, קינדער מיינע, טייערע און ליבע,

אין גליק און נחת זאָלט איר לעבן !

אַלע :

מזל־טוב !

פֿרידע :

אַ מזל־טוב אייך מחותנים, ליבע געסט,

אַ מזל־טוב מיין עלטסטן זון לאַזאַר,

(אויפֿגעלייגט)

איך וועל אים אָנרופֿן ביים טיטל : דאָקטאָר קאַפּלאַן...

לאַזאַר :

(ענייוותדיק)

נו, נו, ס׳איז נישט כדאי, נישט נויטיק, מאַמע.

פֿרידע :

...און מזל־טוב צו פֿיליפּן, מיין זון, וואָס האָט

צו אונדזער שמחה אַזש מטריח זיך געווען

צו קומען פֿון ניו־יאָרק...

פיליפ :

כדאי געווען די טירחה, מאַמע.

פרידע :

...און מזל־טוב צו אַלעקסן, מיין ייִנגסטן זון,

(צו אַלעקסן)

דו זאָלסט זיך לערנען פלייסיק, פיין און גוט...

אַלעקס :

איצט וויל איך זיין מחותן און נישט שילער.

פרידע :

און מזל־טוב מיין גאָלדן קינד ראָזעט,

מיין אייניקל, וואָס שלאָפט אַצינד אין רו,

(אין גוטן מוט)

און איצט אַ מזל־טוב צו מאָטעלען דעם לאַנדסמאַן,

דעם פיינעם הויז־מענטש אונדזערן און דעם געטרייען,

דעם גוטן פריילעך־מאַכער, דעם לצנות־טרייבער,

ווו איז ער דאָרט ?

שמימען :

— ווו ביסטו, מאָטעלע ? מען רופט דיך !

— מען ווינטשט דיר מזל־טוב !...

מאָטעלע :

(אָנקומענדיק)

כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ !

איר דאַרפט עפּעס פון מיר, איז וואָס־זשע שווייגט איר ?...

געהערט, מען רופט מיך אַזוי שטאַרק, האָב איך געמיינט,

דער חתן האָט אייך אָפּגעטאָן אויף טערקיש און פאַרשווונדן

און פאַר אַ צווייטן חתן ווילט איר מיך, נישט אַנדערש...

(דערזעט פרידע קאַפּלאָן מיטן אויסגעשטרעקטן גלעזל צו אים)

אַהאַ, מען ווינטשט מיר מזל־טוב, און איך,

איך האָב אַפילו נישט קיין מזל זיין דערביי.

אוי, מזל, זאָגט מען, דאַרף מען האָבן מער ווי יאָרן.
נו, זאָל־זשע זיין מיט מזל!... זייט מיר מוחל,
געמוזט זיך פאָרען דאָרט מיט פעליקסן, דעם פאָטאָגראַף,
וואָס וועט אונדז באַלד אָראָפּנעמען, ווי ס'דאַרף צו זיין.

פעליקס :

(קומט־אָן מיט אַ גרויסן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, גרייט זיך צו מאַכן די חתונה־אויפנאַמע)

מאָטעלע :

(צו פעליקסן)
איך וועל אייך צוהעלפן, איר דאַרפט עפּעס פון מיר?
נו, זאָגט־זשע, אדרבא, וואָס־זשע שווייגט איר?
(פאָרעט זיך מיט פעליקסן ב'ים אַפּאַראַט. עולם שטעלט זיך איין צום פאָטאָגראַפירן)

פיליפ :

ביז איידער וואָס און ווען, וועל איך דערווייל
אַ נייע פּליטע אָנשטעלן, וואָס כ'האָב געבראַכט פון ניו־יאָרק,
אַ יידיש שטיקל, וואָס צעגייט אין יעדן אבר.
(שטעלט־אָן אויפן פּאַטעפאָן אַ פּליטע מיט אַ יידיש פאָלקס־ליד. פּאַטעפאָן זינגט־אויף)

העכער, בעסער,
דאָס ראָד, דאָס ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט,
די מיזינקע אויסגעגעבן,
(עולם כאָפּט־אונטער)
די מיזינקע אויסגעגעבן.

שטאַרקער, פריילעך,
דו די מלכה, איך — דער מלך,

אוי, אוי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגן געזען
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען :
די מיזינקע אויסגעגעבן.

(עולם האַלט־אונטער)

די מיזינקע אויסגעגעבן.

פעליקס :

כ׳בעט אַלעמען גאָר העפלעך, רואיק זיין.
כ׳הייב אָן. אַ ליבן שמייכל, ווי עס פּאַסט...
כ׳בעט קוקן גלייך צום אַפּאַראַט. אַזוי... אַזוי...
צו מיר אַן אַנגענעמען שמייכל, כלה.
אויב נישט צו מיר, זאָל זיין כאָטש צו מיין אַפּאַראַט...
כ׳בעט אַלעמען נישט רירן זיך... אַזוי...

(פאָטאָגראַפירט)

אַ דאַנק.

(עולם הייבט־אָן באַוועגן זיך פריי. פאָטעפאָן שפּילט־אויף טאַנץ־מוזיק. עס טרעטן אַרויס טאַנצנדיקע פּאָרלעך. פעליקס פאַרבעט די כלה צום טאַנצן. זי גיט איבער אַרטורן דעם בוקעט בלומען, וואָס זי האָט ביז איצט געהאַלטן און הייבט־אָן טאַנצן מיט פעליקסן)

לילי :

(טאַנצנדיק, שטיל)

וואָס מיינען דיינע נישט־דערזאָגטע רייד נאָר־וואָס,
אַז שמייכלען זאָל איך צו דיין אַפּאַראַט,
אויב נישט צו דיר ?

פעליקס :

כ׳האָב זען געוואָלט כאָטש איינמאָל נאָך,
זאָל זיין אַפילו מיט דער מיטהילף פון מיין אַפּאַראַט,
דיין ליבן שמייכל פון אַמאָל, צו מיר געווענדט...

לילי :

דאַרפסט הייבט אַזוי צו מיר נישט רעדן, פעליקס,
בפרט, אַז ביסט מיין אַרטורן אַ נאָענטער פריינט.

פעליקס:

כ׳בין דיר אַמאָל געווען נאָך מער׳ער ווי אַ פּרינץ,
נאָר ד׳עמאָלט איז מיר נישט געקומען אויפן זין
אַז איך וועל אויף דיין חתונה גאָר זיין אַ גאַסט...

לילי:

אַט דאָס האָסטו געפּילט פאַר נויטיק מיר צו זאָגן
גראָד היינט, גראָד היינט אין אַט דער נאַכט?

(רייסט זיך אַרויס אַן אויפגערעגטע פון זיינע אָרעמס אין מיטן טאַנצן און קערט זיך אום צו אַרטורן. פעליקס פאַרשווינדט צווישן עולם. לילי און אַרטור טאַנצן־אויף)

אַרטור:

(שטיל, טאַנצנדיק)

וואָס ביסטו עפּעס, לילי, אַזוי אויפגערעגט
און פול מיט אומעט? זאָג וואָס ס׳איז, איך בעט דיך.

(שפּראָך פון טאָג באַווייזט זיך אין די פענצטער)

לילי:

ס׳איז גאָרנישט, טייערער, איך טראַכט אַזוי,
מיר האָבן חתונה אין אַזאַ צייט
פון שרעק, פון אומרו און סכנה,
ווען יעדער איינער רעדט פון נאָענטן קריג.
אַזויפיל רעדט מען וועגן קריג די לעצטע טעג,
איך ציטער, אַז מיין ווייסן חופּה־שלייער
זאָל איך נישט דאַרפן אויף אַ גאַז־מאַסקע פאַרבייטן.
איז דאָס דען נישט קיין סיבה פאַר קיין אומעט?

אַרטור:

געוויס, נאָר איצטער, ווען ביסט לעבן מיר,
זיי פול מיט ליבע און מיט האָפענונג, מיין קינד.
און טראַכט, אַז אַלץ וועט בלויז זיך ענדיקן צום גוטן.
וועסט זען, מיר וועלן האָבן נאָענט פון פאַריז

אַ הייזל מיט אַ גערטל, און מיט אַ וועראַנדע,
און מיט אַ רויטן דאַך...

לילי:

(קינדיש־אויפגעלויכטן)

און גרינע לאָדנס ?..

אַרטור:

(ווי אין חלום)

און גרינע לאָדנס...

מאָטעלע:

(קומט אַריין האַסטיק, רייסט זיך אַריין צווישן די טאַנצנדיקע)

שטיל ! שטעלט־אָפּ דעם טאַנץ !

(טאַנץ שטעלט זיך אָפּ)

שטימען פון עולם:

— וואָס איז געשען ?

— וואָס איז געשען ?

— וואָס איז ?...

מאָטעלע:

איך, מאָטעלע, דער שטענדיקער לצנות־טרייבער,
האָב אייך אַ טרויעריקע בשורה אָנצוזאָגן :
מלחמה... ערשט נאָר־וואָס געהערט אין ראַדיאָ.
אַליין געהערט : די דייטשן אַטאַקירן פוילן !

אומרואיקע שטימען:

— מלחמה...

— נו, מען האָט זיך דאָס געריכט...

(לילי פאַלט צו מיטן קאָפּ צו אַרטורס אַקסל. זי פילט זיך שלעכט. דער בוקעט פאַלט איר אַרויס פון האַנט, ער איז אונטער אַלעמענס פיס, קיינער לייגט נישט איצט קיין אַכט אויף אים)

פעליקס:

(באַוויזנדיק זיך צוריק)

איצט, חתן, וועט מען אויסטאָן זיך דעם פראַק

און אים מיט אַ סאָלדאַטישן מונדיר פאַרבייטן...

מאַטעלע:

העי דאָרט! זאָל ער זיך אָפּבייסן די צונג!

קיין אַנדער טרייסט האָט ער שוין נישט געהאַט צו זאָגן!...

פיליפּ:

ווי ס'זאָל נישט זיין, וועל איך זיך גרייטן צו דער שיף

און פּאַקן זיך אין וועג אַריין. איך פאָר אַוועק

מיט אַ צעבראָכן האַרץ, נאָר כ'האָף און גלויב,

מיר וועלן זיך באַגעגענען נאָך ווען עס איז...

איר וועט מיר אפשר העלפן פּאַקן, מאַטעלע?

מאַטעלע:

געוויס, איך וועל אייך העלפן, וואָס־זשע שווייגט איר?

כ'וועל אייך אַליין נישט לאָזן פאָרען ביים באַגאַזש.

פרידע:

וויי, וויי, ס'דערוואַרטע אומגליק איז געקומען...

(פויזע. ווייזנדיק אויף די פענצטער, דורך וועלכע עס זעט זיך דער אויפגייענדיקער טאָג)

אַ נייער טאָג גייט־אויף... ווער ווייסט, וואָס ער וועט ברענגען...

ווער ווייסט ווו איר וועט מיר אהינקומען... ווער ווייסט

צי מירן נישט פאַרלירן זיך אין שטורעם, קינדער מיינע...

(שטילשווייגן. שווערע שטימונג. געראַנגל צווישן פריען טאָג־ליכט און עלעקטרישער באַלייכטונג אין צימער)

בילד צוויי

פּאַריז, 15־טער יולי 1942. דאָס זעלבע אָרט, וואָס אין ערשטן בילד. אין אַן אָפענעם פּאַרהאַנג, וואָס דינט פאַר אַ טיר, זעט זיך דאָס וואַרט־צימער פון ד״ר לאַזאַר קאַפּלאַן. אין צימער — יידישע פּאַציענטן, פרויען און מע־נער, און מאַטעלע, וואָס האַלט אָרדענונג. אַלע מיט געלע לאַטעס אויפן האַרצן.

אַ ייד :

(צו מאַטעלען)

וואָס לאָזט ער נישט אַריין, וואָס שפּילט ער זיך ?
אין גאַס איז היינט יום־כּיפּור, און ער שפּילט זיך !

צווייטער ייד :

מען זאָגט, זיי וועלן נעמען יונג און אַלט
און אויך נישט שאַנעווען קיין קליינע קינדער.

(צו מאַטעלען)

זאָל מיר דער דאָקטער כאָטש אַרויסגעבן אַ שטיקל צעטל,
אַ צייגעניש אז איך בין חרוב־קראַנק
און אַז מען טאָר מיך נישט, חלילה, נעמען.

מאַטעלע :

הערט־אויף צו שטופּן זיך, איר וועט אַריינגיין אַלע.
עס וועט נישט אויספעלן, חלילה, קיין פּאַפּיר אויף צעטלען.
איר מיינט, דער דייטש וועט גאָר נתפּעל ווערן
פון אַ געוויינלעך שטיקל דאָקטעריש פּאַפּיר...
(צו אַ ייד וואָס שטופּט זיך צו אים)
אַזוי, איר זענט דער ערשטער, וואָס־זשע שווייגט איר ?

(לאָזט אַריין דעם ייד צום דאָקטער, אַ צווייטער קומט אַרויס מיט אַ צעטל אין האַנט)

אַרויסגעקומענער:

וואָס טויג מיר דאָרט — אַ צעטל אין דער האַנט,
און ס׳פילט זיך זיכערער דער מענטש ביי זיך.
נו, נו, די וועלט, זאָג איך, איז נאָך דערווייל נישט הפקר,
קיין קראַנקע וועלן זיי, לויט מיין פאַרשטאַנד, נישט נעמען.
(אָפּ)

דריטער ייד:

(ווייזנדיק מיטן קאָפּ צו דער טיר פון אויפנעם־צימער)
מען זאָגט, אַ דאָקטער איז ער איינער אין דער וועלט,
מאַכט לעבעדיק פון טויט, מען זאָל אים נישט באַדאַרפן.
געהערט גאָר, אַז ער האָט שטודירט אין ווין,
מען זאָל אים נישט באַדאַרפן...

ערשטער ייד:

(צו מאַטעלען)

וואָס, נישט אמת?

מאַטעלע:

וואָס טויג דאָס אייך צו וויסן, כ׳בעט אייך, יידן,
איר ווילט דען איצט פון אים אַ רפואה־שלמה?

ערשטער ייד:

חלילה, גלאַט אַזוי, ווער זאָגט דען עפּעס?

צווייטער ייד:

(צו זיין שכן)
צי מעג מען אפשר וויסן וואָס ס׳איז אייער קרענק?

שכן:

איך ווייס... אַ וועלכער ייד איז היינט געזונט?...
כ׳וועל זאָגן, כ׳לייד אַ ביסל אויף דער לעבער...

צווייטער ייד:

אוממאַ... ס׳איז אויך עפּעס ביי היינט צו טאָג,
ס׳קען אויך נישט שאַטן, ס׳קען צונוצקומען.

שכן:

און איר?

צווייטער ייד:

אוי, פרעגט נישט בעסער, כ'ווינטש עס בלויז דעם רשע,
כ'האָב, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ מכה אויפן מאָגן.

שכן:

או וואָ, אַ גאָלדן שטיקל קרענק האָט איר, באמת.

(אַנווייזנדיק אויפן דאָקטערס צימער)

אייך וועט ער זיכער געבן באַלד אַ צעטל...

(מאָטעלע לאָזט אַרויס אַ פּאַציענט און לאָזט אַריין אַ צווייטן. עס קומט אַריין אַ פרוי מיט אַ שטום ייִנגל)

פרוי:

אַן עולם זע איך דאָ, קיין עין־הרע.
און אַלע נאָכן זעלבן מן הסתם.

(ווייזט אויף איר ייִנגל)

דאָס ייִנגל מיינס איז שטום...

דריטער ייד:

איז וואָס־זשע ווילט איר?
דער דאָקטער זאָל אים מאַכן ריידעוודיק אַצינד?

פרוי:

נישט דאָס, פאַרשטייט זיך...

(צו מאָטעלען, וואָס דערנענטערט זיך צו איר)

ס'ייִנגל מיינס איז שטום...

מאָטעלע:

וואָס דאַרף ער נאָך? ער דאַרף נישט מער ווי שווייגן.
דאָס בעסטע צעטל.

פרוי :

כ'בעט אייך, לאָזט מיך שוין געמאַך,
איך וועל זיך אויסטענהן שוין ליבערשט מיטן דאָקטער.
(צו די פּאַציענטן)
מען זאָגט אויף אים, אַ דימענטענער מענטש,
דעם דאָקטער מיין איך, מ'זאָל אים נישט באַדאַרפן.

אַ שטים :

(אָפּזיפּצנדיק)
דערווייל באַדאַרף מען אים, מען זאָל אים נישט באַדאַרפן...
(עולם ווערט אומגעדולדיקער)

לאַזאַר :

(באַווייזט זיך אין דער טיר פון זיין קאַבינעט)
גוטמאָרגן זאָג איך אייך, מען זאָל מיך נישט באַדאַרפן...
די דייטשן וועלן מיך שוין דאַרפן גלייך מיט אייך.
איר מיינט מסתם, זיי וועלן זיך דערשרעקן
פאַר מיין דיפּלאָם צי פאַר מיין דאָקטערשן כאַלאַט ?
(עפנט פאַנאַנדער דעם כאַלאַט, עס זעט זיך אָן די געלע לאַטע)
נאַט זעט, אויך הינטער אים איז דאָ די געלע לאַטע,
די זעלבע געלע לאַטע, וואָס איר אַלע טראָגט...
כ'בין גלייך מיט אייך, איז טומלט נישט, זייט רואיק,
זאָל זיין אויף היינט גענוג און קערט זיך אום אַהיים,
ס'איז שפּעט, וועל איך אייך מאָרגן שוין באַטראַכטן...

שטימען :

— וואָס רעדט דער דאָקטער ?
— דאָקטער־לעבן, ס'טייטש ?
— אין גאַס איז דאָך יום־כיפּור...
— מ'זאָגט דאָך, היינט...

(אין פאָדערגרונט פון דער בינע, אין אַלגעמיינעם צימער, קומען אַריין, רעדנ־
דיק, לילי און פעליקס)

לילי:

(דערהערנדיק די קולות און דערזעענדיק די פּאַציענטן)

וואָס פֿאַר אַ טומל דאָרט, נישט אויסצוהאַלטן היינט...

(פּאַרוקט האַסטיק דעם פֿאָרהאַנג, וואָס פֿירט צום וואַרט־צימער)

פֿעליקס:

...אַ יעדער שיצט זיך ווי ער קען, דערפֿאַר
קום איך דיר אָנזאָגן, זאָלסט זיין געוואָרנט
און קודם־כל נישט שלאָפֿן אין דער היים די נאַכט...

לילי:

ביסטו מיך, הייסט עס, אויך געקומען שיצן...
אַ דאַנק דיר, פֿעליקס, פֿיין, גאָר פֿיין. נאָר הער זיך איין,
אויב טוסטו דאָס כּדי מיר צו געפֿעלן
און אויך צוליב באַהאַלטענע כּוונות וועגן מיר,
וויל איך דיר זאָגן, אַז דיין מי איז אַן אומזיסטע.

פֿעליקס:

נישט איצטער איז די צייט פֿאַר די באַוואָרענישן, לילי.
כ׳בין דיר געקומען אָנזאָגן, דו זאָלסט זיך היטן.
ווילסטו אויך איצטער מיך באַליידיקן — באַליידיק, נו,
כ׳בין שוין געוווינט צו דעם, איך נעם עס אָן,
ווייל אויך דאָס שלעכטס אין דיר אַפֿילו איז מיר ניחא...

(פּרוּווט צושטיין צו איר, באַרירט זי)

לילי:

(מיט אַ ברוגזן טאָן)

פֿעליקס...

אַלעקס:

(קומט אַריין)

פֿעליקס:

(צוריקציענדיק זיך אַ זשענירטער)

נו, כ׳דאַרף שוין גיין... אויף ווידערזען.

(אָפּ אין געאייל)

אַלעקס:

אַז ער דערזעט מיך, נעמט ער באַלד זיך איילן,
ווי ס׳וואָלט אים ענג געווען אין מיינע ד׳ אמות...

לילי:

(פאַרנייגעריקט)

וואָס איז דען? זאָג.

אַלעקס:

געהערט, מען זאָגט אויף אים,
ער אַרבעט אַלס אַן איבערזעצער ביי די דייטשן,
געשיקט פון יידן־קאָמיטעט, וואָס איז זיי אונטערטעניק...

לילי:

אַזוי... דערפאַר האָט ער געוווסט מיר אָנצוזאָגן
איך זאָל נישט שלאָפן אין דער היים די נאַכט.

אַלעקס:

דאָס ווייסט היינט סיי ווי סיי די גאַנצע שטאָט.
וואָס נאָך האָט ער געוואָלט פון דיר?

לילי:

געוואָלט...
דו ווייסט דאָך, וואָס ער וויל פון מיר גאַנץ אָפט,
שטייט־צו און מאַטערט מיך, ער קען נאָך אַלץ
נישט שענקען זיך, וואָס מיט דריי יאָר צוריק
האָב איך אים אויף מיין חתונה געלאָזן שטיין
אין מיטן טאַנץ פאַר אַלע אין די אויגן.
ס׳איז מאָדנע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַלעקס,
ער האָט מיך ליב, און פיינט, וואָס איך האָב אים נישט ליב...
ער האָט געמיינט, כ׳וועל אַנדערש ווערן גלייך צו אים
אויס דאַנקבאַרקייט פאַר קומען מיך באַשיצן.
ער מיינט, אויב אַרטור איז שוין ס׳דריטע יאָר

אין קריגס־געפאַנגענשאַפט, צעשיידט מיט מיר,
וועט אים מיין איינזאַמקייט פאַרלייכטערן זיין מי
און ס׳וועט דאָס אומגליק אונדזערס זיין זיין גליק.

אַלעקס:

דער מאַמען זאָג נישט, אַז נאַר־וואָס איז ער געווען,
ווייל זי פאַרטראָגט אים נישט. זיי שטיל, זי גייט.

פרידע:

(קומט אַריין מיט ראָזעטן, רעדנדיק צו איר)

האָסט אָפּגעגעסן און די לעקציעס געמאַכט,

גיי שפיל זיך מיט דער פופע דיינער, גיי מיין קינד.

(צו לילין און אַלעקסן)

ס׳איז ווייל דער פופע, קינדער מיינע, היינט ביינאַכט,

זייט זיכער, וועט זי שלאָפן רואיקער פון אונדז.

לילי:

איך זע, די מאַמע ווייסט שוין אויך פון אַלעם...

(ראָזעט שפילט זיך מיט דער פופע. עס דערגייט דער טומל פון יענער זייט פאָרהאַנג)

פרידע:

(ווייזנדיק צו דעם פאָרהאַנג פון וואָרט־צימער)

וואָסי, איך הער דען נישט וואָס דאָרטן טוט זיך ?

מינאַ:

(קומט אַריין).

לאַזאַר וועט היינט שוין נעכטיקן, זעט אויס,

אין קאַבינעט. מען זעט נישט און מען הערט נישט.

פרידע:

וואָס ווילסטו, יידן גרייטן זיך צום יום־הדין.

(לאַזאַר און מאָטעלע קומען אַריין פונעם אויפנעם־צימער)

לאַזאַר:

זיך אָנגעאַרבעט היינט אַ טאָג. באמת,
די יידן האָבן מיך באַלד אָנגעשטעקט מיט זייער מורא.
אָהאָ, די אַלטע מורא פון דור־דורות,
די מורא פאַר חלפים, העק און שייטערהויפנס,
די מורא הינטער ווענט פון קעלערס שוועֿר־פאַרהאַקטע,
די מורא פון יאָרהונדערטער באַנומען האָב איך היינט.

אַלעקס:

ס'איז טאַקע ערנסטער, נאָך ווי דו מיינסט, לאַזאַר,
און איך און לילי שלאָפן היינט נישט אין דער היים.
און איר, וואָס רעכנט איר צו טאָן?

לאַזאַר:

טוט וואָס איר קענט.
מיר האָבן נישט וווהין צו גיין אַפילו
אין אָט דער שעה. איז לאָמיר־זשע דעריבער האָפן,
אַז ס'וועט די נאַכט, ווי אַלעמאָל, אַדורך בשלום.
(ראַזעט, שפּילנדיק זיך, נייט־אָן אַ געלע לאַטע אויף דער פּופּע)

פרידע:

(דערזעענדיק וואָס ראַזעט טוט)
אַן איינפאַל פון אַ קינד!
(צו ראַזעטן)

וואָס טוסטו דאָרט, ראַזעט?
דו נייסט גאָר אָן אַ געלע לאַטע אויף דער פּופּע?
(אַלע קוקן זיך אום צו ראַזעטן)

מאַטעלע:

אויף פּופּעס, דאַכט זיך מיר, איז דער באַפעל נישט חל...

ראַזעט:

(צוקומענדיק נעענטער מיט דער פּופּע)
די פּופּע איז אַ יידישע, באַדאַרף זי אויך
מיט אַלע גלייך די געלע לאַטע טראָגן...

מינאַ:

אַן אויפטו טאַקע פון אַ קינד, באמת.

פרידע:

גערזען אַן איינפאַל!

(צו ראַזעטן אין גוטן מוט)

אַלט געמיט. נו, קום שוין שלאָפן.

ראַזעט, די באָבעשי האָט נישט קיין צייט,

די באָבעשי באַדאַרף נאָך וואַשן דאָס געפעס

און שרייבן נאָך איר טאָגבוך פון מלחמה.

קום, מיידעלע, וועל איך דיך לייגן שלאָפן.

ראָזעט:

ניין, אָן אַ מעשה גיי איך היינט נישט שלאָפן.

די באָבע האָט מיר נעכטן נישט דערציילט קיין מעשה,

און אייערנעכטן אויך נישט — גיי איך היינט נישט שלאָפן.

די באָבע איז מיר שולדיק שוין

(ציילט אויף די פינגער)

דריי גאַנצע מעשיות...

פרידע:

(צוזעצנדיק זיך צו דער פיאַנע)

אַז דו וועסט זיין אַ ווילע מויד, ראַזעט,

וועל איך דיר שפילן היינט אַ ליד, אַנשטאָט די מעשיות.

ראָזעט:

(דערנענטערנדיק זיך)

גוט, באָבעשי.

פרידע:

ביסט שוין אַ גרויסע מויד, ראַזעט,

און צייט, זאָלסט וויסן שוין פון אַלעם גלייך מיט אונדז.

(ווייזט אויף אַ פּאָרטרעט אויף דער וואַנט)

דו זעסט דאָס בילד ? דאָס איז דיין עלטער־זיידע,
מיין פאָטער — קאָמפּאָזיטאָר עמנואל קאַפּלאַן.
גאָר שיינע לידעלעך האָט ער פאַרפאַסט פאַר ווילע קינדער.
דאָס לעצטע ליד, וואָס ער האָט פאַרן טויט געשאַפן,
האָט ער פאַר אונדז געלאָזט מיט אַ צוואה,
אַז ווען מיר וועלן אים אַמאָל דערמאָנען,
זאָל זיין דאָס מיטן שפּילן אָט־דאָס ליד,
עס הייסט „דעם זיידנס ניגון". און מיר היטן אָפּ
זיין הייליקע צוואה און זיין ניגון.
(ווייזט אויף דער פּיאַנע)
דאָס איז די פּיאַנע זיינע — אונדזער טייערע ירושה,
וואָס מיר, די קאַפּלאַנס, היטן אָפּ פון דור צו דור.
(ווייזט אויף אַ בילד אויף דער וואַנט)
מיין מוטער, ס'הייסט די עלטער־באָבע דיינע,
האָט פאַרן שטאַרבן זיך מיט איר געזעגנט,
שוין שפּילנדיק אויף איר צום לעצטן מאָל
„דעם זיידנס ניגון". נו, איצט הער זיך איין.
(שפּילט „דעם זיידנס ניגון". ווען זי ענדיקט שפּילן קומט אַריין מאַדאַם פרענקעל, אַן אָרעמע פרומע שכנה פון לעצטן שטאָק. זי קומט אַריין נישט דרייסט, בלייבט שטיין ביי דער טיר)

מאַדאַם פרענקעל :

גוטנאָוונט, דאָקטערשי, און האָט נישט קיין פאַריבל
וואָס איך וועל אייך באַלעסטיקן אַצינד...

לאַזאַר :

גוטנאָוונט, מאַדאַם פרענקעל, ס'מאַכט נישט אויס,
די לאַסט ליגט סיי ווי סיי אויף יעדן איינעם.
זאָגט בעסער, וואָס פאַרלאַנגט איר, מאַדאַם פרענקעל ?

מאַדאַם פרענקעל :

זייט מוחל, דאָקטער־לעבן, פאַר מיין חוצפּה,
איך בין דאָך ס'ערשטע מאָל ביי אייך אין שטוב...

פרידע:

(צו מאַדאַם פרענקעל)

נו, נו, איר וועט נישט צונעמען קיין שטיק,
חוץ אַלעם זענט איר דאָך אַ שכנה אויך...

מאַדאַם פרענקעל:

...נאָר כאָטש כ'בין קיינמאָל נישט געווען ביי אייך אין שטוב,
האָט מיך דאָס אומגליק איצט אַריינגעפירט צו אייך,
דאָס אומגליק מאַכט אונדז היימיש, האַרצעדיקע מיינע...

לאַזאַר:

איז קומט־זשע נעענטער, שטייט נישט ביי דער טיר.

מאַדאַם פרענקעל:

(מאַכנדיק נישט־דרייסט אַ שריט פאָרויס)

אַ דאַנק. איר האָט דאָך, האַרצעדיקע, אויך געהערט
פון דער בהלה און פון אומגליק, גאָט זאָל היטן.
האָב איך געוואָלט אַצינד דעם דאָקטער פרעגן
צי איך, אַן עלטער מענטש, אַ שלאָפס, ווי ס'איז דער אמת,
דאַרף אויך זיך איבערנעמען און זיך שרעקן...

לאַזאַר:

באַרואיקט אייך, מאַדאַם, און קודם־כל
זאָלט איר נישט שרעקן זיך צו גיין אַ ביסל נעענטער...

מאַדאַם פרענקעל:

איך דאַנק אייך, דאָקטערשי, פון גאַנצן האַרצן...

לאַזאַר:

מיר זענען אַלע אין סכנה היינט ביינאַכט,
מיר זענען אַלע אינעם זעלבן מצב...

(אָנווייזנדיק אויף דער פּיאַנע, ביי וועלכער עס זיצט פרידע קאַפּלאַן. צו מאַ־
דאַם פרענקעל)

מאַדאַם, זייט רואיק, וועט איר הערן עפּעס שיינס.

מאַדאַם פרענקעל:

(פאַר זיך, מיט שטוינונג)

געטראָפן אויף אַ צייט פאַר שפּילערייען...

לאַזאַר:

שפּיל־אויף, שפּיל־אויף „דעם זיידנס ניגון״, מאַמע!

פאַר אונדזער שכנה פרענקעל און פאַר אַלעמען, שפּיל־אויף!

אַ שטאָט מיט יידן לייגט זיך היינט מיט אימה,

די טויט־שרעק איז אויף זייערע געלעגערס,

דערפאַר זאָל גיין צו זייערע פאַרהאַקטע טיר־און־טויער

דיין ליד פון צער, פון האָפענונג און טרייסט.

שפּיל־אויף, שפּיל־אויף „דעם זיידנס ניגון״, מאַמע!

(פרידע קאַפּלאַן שפּילט־אויף ראַפּטום און מיט קראַפט)

בילד דריי

פרידע קאַפּלאַן אַליין ביים שרייבן איר טאָגבוך. לייענט פון אַ כתב־יד.

פרידע :

פּאַריז, אין יולי, ניינצן־צוויי־און־פערציק.
זאָל דאָס פאַרשריבן ווערן און פאַרבלייבן :
מיט קולות און מיט פויסטן זענען זיי באַגינען
באַפאַלן ווילד די טיר פון אונדזער הויז
און גלייך זי אויפגעבראָכן מיט געוואַלט,
אַריינגעדרונגען פרעך אין אונדזער היים.
און אָפּשייד האָבן דאַן פון מיר גענומען
מיין זון לאזאַר, מיין שנור און מאַטעלע, דער לאַנדסמאַן ;
און אויך מיין איינינקל ראָזעט — צו מיין דערשטוינונג ;
איר פּופּע מיט דער געלער לאַטע האָט זי נישט געוואָלט
אַרויסלאָזן פון אירע הענטעלעך די איינגעשפּאַרטע,
און אַט אַזוי איז זי מיט איר אַוועק, אַוועק צוזאַמען.
מיט מיינע שוואַכע כוחות האָב איך זיך
צו זיי געריסן און געבעטן : „נעמט מיך אויך !"
וואָס טויג מיר שוין דאָס בלייבן דאָ, אַליין,
פאַרלאָזט, אין איינזאַמקייט, אָן קינדער מיינע ?
די שומרים האָבן מיך צוריקגעשטויסן :
„צו־אַלט, מען נעמט דערווייל נישט אייער עלטער".
און אין מיין פּיין און אין שגעון מיינעם
האָב איך זיי נאָכגעשריגן אין דער טיר :
געדענקט, איר וועט פאַר אַלעמען באַצאָלן ! — — —
איצט קוק איך זיך אַרום : וואָס פאַר אַן עלנט
אין מיינע ד' אמות, אין מיין הויז,
וו ס'גייט מיר בלויז מיין אימהדיקער שאָטן נאָך.

ווו זענט איר איצטער, קינדער איר פֿאַרוואָגלטע אין הפקר,
פֿאַרלוירענע אין וויסטע העקן, אין דער פֿרעמד ?
צום גיין פֿון טריט און מינדסטן סקריפּ פֿון טירן
איך הער זיך איין, מיר דאַכט, איר גייט, איר קומט !
נאַר ניין ! אַ טיפֿע ליידיקייט איז בלויז אַרום.
איך קוק זיך אום אין יעדן ווינקעלע פֿון שטוב :
אָט דאָ געשטאַנען איז דער טיש, באַלעבט פֿון זיי ;
די שטולן האָבן אים געטריי אַרומגערינגלט,
באַזעצט מיט קרובים און מיט ליבע געסט.
איצט שטייען זיי, ווי איך, פֿאַרלאָזט און שווייגן.
וואָס שווייגן זיי ? צי האָבן זיי דען אויך ווי איך,
אין צער און טרויער איינגעבויגן זיך צו דרערד,
פֿאַרקלעמט אין ווייטיק און אין פּיין — און שווייגן ?
געשטאַנען זענען דאָ, ווי תושבים, די סערוויזן
און פֿייערלעך געוואַרט צו דינען יעדן מאָלצייט.
געזעסן איז זיך ברייט און פֿול די קאַראַפֿינקע
מיט גלעזעלעך אַרומגעזעצט, ווי קינדערלעך אַרום אַ מאַמען.
די פֿלאַש האָט טיף און גנעדיק זיך געבוקט צום גלאָז,
אַראָפּגעלאָזט זיך העפֿלעך, איינגעבויגן.
היינט זיצן זיי אין ווינקעלעך פֿאַרוקטע און פֿאַרשאַרט,
און זייער יום־טובדיקער גלאַנץ איז אויסגעלאָשן.
דער קלימפּער פֿון געשיר אין קיך יאָגט מיך אַרויס.
אין אַלע לעפֿעלעך, פֿאַרשטעקטע אין קרעדענץ,
איך זע די אויסגעשטרעקטע הענטעלעך פֿון מיין ראָזעט,
און אומעטום איך הער אין זייער קלאַנג איר שטים.
ווי באַנג די טעלערס קלינגען אָפּ אין מיין געהער
מיט אַלטער היימישקייט פֿאַרגאַנגענער און ליבער.
מיר דאַכט, זיי קאָלערן זיך נאָך נאָך מיר,
פֿאַרפֿאָלגן מיך כסדר מיט געבעט : פֿאַרוואָס ?
פֿאַרוואָס האָט איר פֿאַרלאָזן אונדז, פֿאַרוואָס ?
און פֿרעגן זיך, ווי איך, אין אַנגסט און שוידער :

וווּ זענען זיי, די מענטשן די פֿאַרשוווּנדענע פֿון הויז,
די אַלטע תושבים אונדזערע, די באַלעבאַטים ?
פֿאַריאָגט אין נע־ונד, וווּ זענען זיי, וווּ זענען זיי ?...

(פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער בינע. עס דערשיינט אַ לאַגער אין פֿראַנקרייך, ערב דעפּאָרטאַציע. וואַרטנדיקער עולם, טייל שטייענדיק און טייל זיצנדיק אויף די פּעקלעך, געמאַכט אין וועג אַריין. צווישן דעם עולם — מינאַ, מאַטעלע, מאַדאַם פֿרענקעל. ווען דאָס בילד דערשיינט, טראָגן צוויי מענטשן פֿאַרביי אַ קראַנקן אויף אַ טראָג־בעטל)

אַ פֿרוי :

אַ גאַנצן טאָג אַזוי, מען האַלט נאָר אין איין טראָגן,
אַז טראָגן זאָל מען זיי שוין אין דער ערד אַריין..

מאַדאַם פֿרענקעל :

(אָפּרײַסנדיק די אויגן פֿונעם טײַטש־חומש, אין וועלכן זי קוקט אַרײַן די גאַנצע צײַט)

אוי ווײַ, נאָך פֿון פֿאַרצײַטנס, האַרצעדיקע, ווי מען שלעפּט אונדז,
און ווי מען פּלאָגט אונדז און מען פּײַניקט אונדז אַזוי.
און וואָס, אַשטייגער, האָט ער אויסגעפֿירט, דער רשע ?
עס שטייט בפּירוש אינעם טײַטש־חומש געשריבן
נאָך וועגן יידן אין מצרים...
(מישט־אויף דאָס אָרט)

כ'האָב עס, כ'האָב עס...

(לייענט אַרויס מיט אַ ניגון)

...און צינזהאַרן געמאַכט איבערן פֿאָליק,
כּדי אים צו פֿאַרפּײַניקן מיט שווערע אַרבעטן,
געלאָזט פֿאַר פּרעהן בויען אים פּתום־ורעמסס,
נאָר ווי זיי האָבן אים געמוטשעט און געפּײַניקט,
האָט ער געטאָן זיך פּרוכפּערן און מערן.
(שווייגט. קוקט אַרײַן אין טײַטש־חומש)

אַ זשאַנדאַרם :

(פֿירט דורך אַן איין־פּיסיקן ייד)

נו, נו, געגאַנגען, שנעלער דאָרטן, שנעלער !

איין־פיסיקער ייד:

(אָפּשטעלנדיק זיך אַ ווײַלע)

ס׳איז גוט צו זאָגן אים: „געגאַנגען, שנעלער!״
אַז מ׳האָט צוויי פיס און נאָך דערצו אַ ביקס.
כ׳האָב אויך אַמאָל צוויי פיס געהאַט און אויך אַ ביקס,
האָב איך געשלאָגן זיך מיט איר פאַר פראַנקרייכס כבוד.
אַרויס בין איך פון יענעם קריג נאָך מיט איין פוס
און מיט צוויי קוליעס... ווילט איר טאַקע איך זאָל לויפן?!

זשאַנדאַרם:

נאָר נישט געדאגהט זיך,

(ווײַזט אין דער ריכטונג, וווהין ער פירט דעם ייד)

איר זעט דעם וואָגן דאָרטן?
באַלד וועט איר אײַער פוס דעם איינציקן אַפילו
פאַרשפּאָרן גאָר באַמיען... ווי אַ קיסר, שוווער איך,
וועט איר זיך פאָרן דאָרט... נו, שנעל, געגאַנגען!...

(ביידע פאַרשווינדן. עס דערהערט זיך פון נישט ווייט אַ פרויען־שטימע, זינגענדיק אַ טרויעריקן ניגון)

מינאַ:

(אויפהייבנדיק דעם קאָפּ)

וואָס איז דאָס פאַר אַ ניגון דאָ, וואָס כ׳הער?

צווייטע פרוי:

איר זענט ערשט נעכטן אָנגעקומען דאָ אַהער,
איז אײַך אַ סך נאָך, זע איך, פרעמד און אומבאַקאַנט.
דאָס איז אַן אומגליקלעכע פרוי, געררירט פון זינען,
וואָס מ׳האָט איר צוגענומען ס׳קינד, אַזוי ווי אײַך,

(ניגון ווערט נעענטער. משוגענע מוטער קומט־אָן מיט אַ קליין פּעקל אויף דער האַנט, ווי אַ קינד)

איז זי אַזוי געוואָרן, ווי מען זעט דאָס...

ערשטע פרוי:

אַ פּעקל פון די פּעקלעך אירע אויף דער האַנט גענומען
און רעדט זיך, נעבעך, איין, אַז ס'איז איר קינד,
און וויגט עס איין אַזוי כסדר מיט דעם ניגון.

(משוגענע מוטער בלייבט שטיין צווישן עולם. איר ניגון, דאָ העכער, דאָ שטילער, הערט זיך כסדר)

אַ פּאַראַליזירטע פרוי:

(זיצט אין איר וועגעלע. צו מאַטעלען, וואָס זיצט אַ קראַנקער לעבן איר, אָנגעלענט אויף אַ פּעקל)

וואָלט אפשר מיר דער יונגערמאַן געטאָן אַ טובה,
דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט? נאָך נישט געהאַט אין מויל.
נאָר שניידט מיט יאַנדעס, כ'האָב שוין נישט קיין סך...

מאַטעלע:

(נעמט זיך פאַרען ביים פּעקעלע עסן, וואָס אין דער פרויס וועגעלע)

מיט פאַרגעניגן, אדרבא, וואָס־זשע שווייגט איר?
כ'וועל טאָן וואָס נאָר איר ווילט, כאָטש ווי מען זעט,
בין איך נישט הייבט מיט אַלעם, נישט פאַר אייך געדאַכט.

אַ ייד:

(צו מאַטעלען)

איז איר אַליין, וואָס שווייגט איר טאַקע, יונגערמאַן,
איר בעל־בטחון, וואָס איר הייסט נישט קיינעם שווייגן?

מאַטעלע:

האָט נישט קיין זאָרג מיט מאַטעלען, כל־זמן
אַז ער איז נאָך אינגאַנצן נישט אַנטשוויגן!...

(לענט זיך צוריק אָן אויף זיין פּעקל, קרעכצנדיק)

מינאַ:

(אויפהייבנדיק דעם קאָפּ)

באַלד וועט מסתמא אָנקומען לאַזאַר,
וועט ער שוין, מאַטעלע, אַ קוק־טאָן וואָס עס פעלט אייך.

מאַטעלע:

איך בעט אייך, מאַכט זיך נישט פון מיר קיין צרות, מינאַ,
עס פעלן אייך נישט אויס קיין צרות היינט אָן מיינע.

(די זשאַנדאַרמען קומען אָן, באַטראַכטן די פּאַראַליזירטע פרוי אין וועגעלע)

ערשטער זשאַנדאַרם:

(איראָניש)

אָט די איז זיך געקומען אין איר אייגענעם וואָגן...

צווייטער זשאַנדאַרם:

לאָז אָפּ די חכמות איצט, עמיל, זאָג בעסער מיר,
ווי וועלן מיר זי אויפזעצן? אַ שווערער עסק...

ערשטער זשאַנדאַרם:

ס'איז נישט געפערלעך, זאָג איך דיר, זשאַן־פּיער:
פון וועגעלע אַרויס און היידאַ, צום קאַמיאָן!

(הייבט־אָן שטופּן דאָס וועגעלע)

פּאַראַליזירטע פרוי:

וווּ פירט איר מיך? איך וויל נישט פאָרן. שטיין!
כ'וויל בלייבן מיטן עולם. איך וועל שרייען! ניטע!

(די צוויי זשאַנדאַרמען קומען צו מיטן וועגעלע צום עק פון דעם בינע־שטח, וווּ נישט ווייט דאַרף זיך געפינען דער לאַסט־וואָגן, וואָס פירט אָפּ צום דעפּאָרטאַציע־צוג קראַנקע, קאַליקעס און קינדער. נעמען אַרויס די פרוי פון וועגעלע)

פּאַראַליזירטע פרוי:

איך וויל נישט פון מיין וועגעלע אַרויס, איך וויל נישט!...
שוין זעכצן יאָר ווי כ'האָב זיך נישט צעשיידט דערמיט.
מיט מיינע לעצטע כוחות וועל איך שרייען: ניטע!...

ערשטער זשאַנדאַרם:

וואָס איז אייך אַזאַ שאָד דאָס וועגעלע, מאַדאַם?
באַלד וועט איר פאָרן אין אַ שענערן, באַקוועמען וואָגן...

(ביידע זשאַנדאַרמען טראָגן זי אַוועק. איינער פון זיי גיט מיט אַ פוס אַ שטויס אַוועק דאָס ליידיקע וועגעלע, וואָס בלייבט אין מיט פון בינע־שטח איבערגעקערט. פון הינטער דער בינע הערט זיך דער פּאַראַליזירטערס קול. משוגענע מוטער זעצט זיך אַנידער אויפן איבערגעקערטן וועגעלע און זינגט איר וויג־ליד. דייטשער קאָמענדאַנט און צוויי דייטשע סאָלדאַטן קומען־אָן, קוקן זיך אַרום. עולם אין שווייגן. ווען די דריי דייטשן גייען פאַרביי דער משוגענער מוטער, הערט זי אויף איר ניגון און שעפּטשעט אַריין מיט מורא אין איר פּעקל: „שש־אַ־אַ־אַ"... די דייטשן צעלאַכן זיך מיט הנאה, גייען אַוועק. קאָמענדאַנט, אַוועקגייענדיק, גיט אַנווייזונגען די סאָלדאַטן אַפּצורוימען דעם עולם).

די צוויי סאָלדאַטן:

יאַ, צום באַפעל! זאָפאָרט, הער קאָמענדאַנט!

(די צוויי סאָלדאַטן און קאָמענדאַנט אָפּ)

ערשטע פרוי:

האָט איר געהערט דאָס טריפהנע געלעכטער זייערס...

צווייטע פרוי:

כ'האָב מורא, פון דעם קוקן און דעם לאַכן
וועט נישט קיין גוטס אַרויס,
(צו מאַדאַם פרענקעל, וואָס קוקט אַריין אין טייטש־חומש)
און איר, מאַדאַם,
איר האַלט אַלץ אין איין זאָגן...

מאַדאַם פרענקעל:

זע נאָר, זע,
ווי ז'האָבן גרויסע אויגן אויף מיין חומש!...
מיין פאָטער, אייך צו לאַנגע יאָר, פלעגט זאָגן:
אַ שטיקל חומש קען נישט קיינמאָל קאַליע מאַכן.
און צריק געשמועסט, אַז איך וועל אויפהערן צו זאָגן
וועט אונדז דער רשע אויפהערן אַוועקצושיקן?
מישטיינס געזאָגט, וואָס האָב איך מער נאָך פון מיין חומש?...
פאַרטאָג, ווען כ'האָב דערהערט דאָס קלאַפּן אויפן הויף,
האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך טו אַ קוק אין פענצטער,

און ווי איז מיר, איך זע די בראָך איז גרויס;
זיי בראָיען, די רשעים, אומעטום אַרום,
האָב איך זיך אָנגעטאָן, געמאַכט אין וועג אַריין מיין פעקל,
דעם טייטש־חומש געגומען און אַוועקגעזעצט זיך וואַרטן,
און איידער וואָס און ווען, דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ פּרשה...

ערשטע פרוי:

אַז ליבערשט וואָלט איר מיר געגומען צוהאַלטן אַ קינד,
אַט, זע איך, גרייט זיך ווידער עפּעס דאָ אויף אונדז.

(גיט איבער אַ קינד צו מאַדאַם פרענקעל)

מאַדאַם פרענקעל:

בתשואות־חן, מיין קינד, קום, יינגעלע, צו מיר.

(נעמט צו זיך דאָס קינד. דאָס קינד פאַרקרימט זיך, דערזעענדיק זיך ביי אַ פרעמדן מענטש)

האָב נישט קיין מורא, ששאַ... איך וועל דיך היטן,
ווי ס'טייטש־חומש וועל איך דיך היטן, שש...

בלינדע באָבע:

(פרוי מיט ווייסן שטעקן און בלאָע ברילן. האַלט אַ האַנט אויפן אַקסל פון איר אייניקל חנהלע)

איך הער ווי עפּעס טוט זיך דאָ, ווי עפּעס טוט זיך...
נאָר כ'ווייס נישט וואָס... וואָס טוט זיך, חנהלע ?...

חנהלע:

איך ווייס נישט, באָבעשי, איך ווייס נישט...

(עס קומען אָן די צוויי דייטשע סאָלדאַטן און די זשאַנדאַרמען, קוקן זיך אַרום)

בלינדע באָבע:

מען האָט מיך איינמאָל אויפגעוועקט, כ'האָב נישט געוווּסט
צי ס'איז געווען נאַכט, צי ס'איז געווען טאָג...
נאָר מ'האָט מיך אויפגעוועקט און מיך אַוועקגעפירט
מיט חנהלען. זאָג, ווו געפין איך זיך דאָ, חנהלע ?...

חנהלע:

איך ווייס נישט, באָבעשי, איך ווייס נישט...

(פויזע)

זאָל מיך די באָבע נעמען און מיך האַלטן פעסטער,

ווי ס׳טוען איצטער אַלע מאַמעס מיט די קינדער...

בלינדע באָבע:

פאַרוואָס עפּעס, מיין חנהלע, פאַרוואָס?...

חנהלע:

איך ווייס נישט, באָבעשי, איך ווייס נישט...

(די צוויי דייטשן דערנענטערן זיך, איינער רייסט אַרויס ראַפּטום חנהלען און פאַרשווינדט מיט איר, קומט באַלד צוריק)

בלינדע באָבע:

(מיט ליידיקע הענט געשטרעקט צום רוים)

ווו ביסטו מיר אַהינגעקומען, חנהלע?...

מאַדאַם פרענקעל:

(פאַר זיך)

אַזוי, אַזוי, קענסט שרייען חי וקים...

בלינדע באָבע:

ווער וועט מיך פירן, חנהלע, ווערט וועט...

(די צוויי דייטשע סאָלדאַטן גיבן זי אַ נעם צום פירן — צום אָוועקפירן. די בלינדע, נישט באַנעמענדיק ווער עס פירט זי, כאַפּט זיך אָן אין זייערע הענט, ווי אין אַ רעטונג)

אַ... לעבן און געזונט אויף אייך... צו חנהלען...

(די דייטשן ווילן זיך מיט הנאה אַרום איר, גיבן זי אַ לאָז אָפּ אַליין, נעמען אַרויס דעם שטעקן, וואָס הענגט אויף איר אָרעם און וואַרפן אים אַוועק. די בלינדע צעטומלט און אומבאַהאָלפן)

אָן שטעקן און אָן חנהלען... ווו בין איך דאָס?...

ווו בין איך דאָס?...

(די סאָלדאַטן כאַפּן זי אָן און פאַרשווינדן מיט איר. די בלינדע, פאַרשווינדנ־דיק. מיט דאַנקבאַרקייט)

צו חנהלען... צו חנהלען...

(די צווי סאָלדאַטן קומען צוריק. עס קומען מיט זיי : דער קאָמענדאַנט,
די צווי זשאַנדאַרמען און ד״ר לאַזאַר קאַפּלאַן)

מינאַ :

(אויפהייבנדיק דעם קאָפּ)

לאַזאַר... ווי גוט וואָס ביסט אַהערגעקומען,
אַז איך דערזע דיך, קלענער ווערט מיין צער,
און שווערעליידן קען איך לייכטער איבערטראָגן.
ס׳איז שלעכט אַזוי אָן דיר, לאַזאַר, פאַרלאָז מיך נישט.

לאַזאַר :

אין אומגליק ווי אין גליק, אין טרויער ווי אין פרייד,
כ׳בין דאָ און איך וועל זיין מיט דיר, מיין קינד.

קאָמענדאַנט :

(צו זיינע מענטשן, איראָניש)

אַזוי... און ער וועט זיין מיט איר... דער יודע
האָט אָפּגעזאָגט צו בלייבן דאָ דערווייל אין לאַגער.

(צביעותדיק)

דער יודע וויל נישט היילן זיינע יודן...
ער וויל אַוועק מיט זיי, דאָס וועל איך אים צוליב־טאָן...

(שמייכלט מיט פאַריסנקייט און גאווה. זיינע מענטשן שמייכלען־מיט אויס
הנאה און אונטערטעניקייט)

דאָך גיב איך אים נאָך פינף מינוט זיך צו באַקלערן.

(קוקט אויפן האַנט־זייגערל)

לאַזאַר :

(מיט פאַראַכטונג)

קיין איינציקע מינוט איז מיר נישט נויטיק,
הער קאָמענדאַנט. איך גיי ווו ס׳גייען אַלע יידן,
ווו ס׳גייט מיין פרוי, ווו ס׳איז מיין קינד געגאַנגען,
אַהין, ווו ס׳גייט מיין פאָלק...

קאָמענדאַנט :

(באַפעלעריש)

קיין וואָרט !

(צום עולם)

געגאַנגען !

(עולם גרייט זיך אין וועג אַריין, די שומרים איילן אונטער)

לאַזאַר :

(בייגט זיך איבער מאָטעלען, נעמט זיין דופק. צום קאָמענדאַנט, אָנווייזנדיק אויף מאָטעלען)

האָט היץ, הער קאָמענדאַנט, איז קראַנק, דאַרף רו.

קאָמענדאַנט :

(איראָניש)

נו, יאָ, ער וועט זיך אויסרוען אין שלאָף־וואַגאָן...

(לאַכט. זיינע מענטשן לאַכן מיט. אַ זשאַנדאַרם נעמט מאָטעלען אונטערן אָרעם, העלפנדיק אים אויפהייבן זיך)

מאָטעלע :

(אויפגעשטעלטערהייט)

אַ דאַנק פאַר אייער מי, איך דאַרף קיין אונטערפירער.

כ'קען גיין אַליין.

(באַלאָדן מיט אַלע פעקלעך)

אין וועג אַריין ! געגאַנגען !

(דעריאָגט די פאַרויסגייענדיקע מחנה. אַלע אָפּ, חוץ קאָמענדאַנט, איין סאָלדאַט און משוגענע מוטער, וואָס זיצט אויפן וועגעלע)

קאָמענדאַנט :

(בעת די לעצטע יידן און די דריי שומרים פאַרשווינדן)

נאָך די פאַריקטע...

(דערנעענטערט זיך צו איר, צוזאַמען מיטן סאָלדאַט)

סאָלדאַט :

אויפשטיין !

(ווייזנדיק דער משוגענער די ריכטונג, וווּ דער עולם איז אַוועק)

דאָרטן !... וועק !...

משוגענע מוטער :

(זיך אויפשטעלנדיק און דריקנדיק פאָרזיכטיק און מיט שרעק צו זיך דאָס פּעקל)

נישט שרייען אויפן קינד... דאָס קינד האָט מורא, ששש...

(לאָזט זיך גיין. די צוויי סאָלדאַטן לאַכן. דער קאָמענדאַנט גיט אַ שטויס מיטן פוס דאָס וועגעלע. אַלע פאַרשווינדן. בעת די בינע איז שוין ליידיק, הערט זיך נאָך דאָס געלעכטער פון די דייטשן און דער משוגענערס: „ששש״... אין דער שטילקייט דערהערט מען דאָס קרעכצן פונעם נאָר־וואָס באַוועגטן וועגעלע)

בילד פיר

דאָס זעלבע אָרט, וואָס אין ערשטן און צווייטן בילד. לילי אַליין. עס קומט אַריין פעליקס.

פעליקס :

גוטנאָוונט, לילי...

(לילי באַגריסט אים)

כ׳בין געווען דאָ אין דער געגנט,
איז ווי פאַרשטייסטו, וועל איך נישט צו דיר
אַרויפקומען און פרעגן וואָס דו מאַכסט?
וואָס אַרטור שרייבט?

לילי :

כמעט דאָס זעלבע שטענדיק.
די זעלבע קאַרגע צוגעטיילטע ווערטער
פון קליינעם קאַרטל פון געפאַנגען־לאַגער;
ווי שטענדיק בענקט ער, האָפט און וואַרט, ווי איך.
און דאָס איז אַלץ. שוין באַלד דריי יאָר אַזוי.
ווי שלעכט עס איז די איינזאַמקייט, ווי שלעכט.
אָט איז זיין בילד, וואָס כ׳האָב דערהאַלטן נעכטן.

(דערלאַנגט דאָס בילד. פויזע)

ס׳איז מאָדנע, וואָס איך וויל דיר זאָגן, פעליקס,
ביסט דאָך זיין בעסטער פריינט, איז דאַכט מיר אָפט,
איך זע אין דיר אַ חלק פון זיין לעבן,
און ס׳ווערט מיר אַזוי גוט און שלעכט צוזאַמען.
זיי מוחל פאַר די נאַרישקייטן, פעליקס.

פעליקס :

(ווערט צוגעלאָזענער צו איר)

כ׳בין שטענדיק גרייט געווען דיין איינזאַמקייט צו לינדן.

כ׳האָב דאָס געטראַכט צו טאָן פאַר אַרטורן און אויך
פאַר דיר. אויך איך זע אָפּט אין דיר אַ טייל פון אים
און ווערסט דורך אים מיר אייגענער און נעענטער...
(פּרוווט זי אַנגעמען)

לילי:
(כמעט אין ברוגז)
לאָז אָפּ...

פעליקס:
האָסט אפשר מורא פאַר דער מאַמען?

לילי:
(באַמיענדיק זיך צו דערווייטערן אים פון זיך)
נישט פאַר דער מאַמען, ניין, דאָס מאָל פאַר זיך אַליין.
(פּויזע)
צי גיסטו, פעליקס, נישט אַ טראַכט אַמאָל דערפון,
אַז דיין כוונה וועגן מיר, אַז דיין באַגער
קען זיין אַ זינד לגבי דיין פאַרשפאַרטן חבר?
מיר דאַכט אַפילו, אַז אין אָט דער רגע
ביסטו צופרידן גאָר וואָס ער איז דאָרט,
און ס׳איז דיין ווונטש, אַז ער זאָל דאָרט פאַרבלייבן
אין זיין געפאַנגענשאַפט, נישט קומען מער. זיי מודה!

פעליקס:
לאָז אָפּ מיט אָט די שאלות איצטער, לילי...
זאָג בעסער מיר צי קומסטו אָפּט אַהער?

לילי:
נישט אָפּט, פון צייט צו צייט. כ׳מייד אויס דאָס אָרט,
איך קלער, ז י י קענען קומען נאָך אַמאָל אַהער.
נאָר דיר, פאַרשטייט זיך, דראָט מסתמא נישט אין ערגעץ
קיין שום געפאַר...

פעליקס :

דאָס מיינסטו מיך צו טרעפן...

לילי :

ווער ווייסט דען נישט, אַז ביסט ביי זיי באַשעפטיקט,
אַז דו העלפסט זיי אַרויס מיט וואָס דו קענסט.
עס האָבן טאַטע־מאַמע זיך דערויף געמיט,
זאָלסט קענטעניש ן וויכטיקע דערגרייכן...

פעליקס :

געוויס, זיי זאָלן נוצן מיר אין לעבן.

לילי :

די קענטעניש האָט דעמאָלט נאָר אַ ווערט,
בלויז ווען זי נוצט דעם גוטן צוועק און תכלית.
און דו, דו נוצסט זי קעגן אונדזער כלל.

פעליקס :

לאָז אָפּ, איך קען נישט טראַכטן וועגן כלל,
ווייל אויך דער כלל טראַכט גאָרנישט וועגן מיר.

לילי :

דעם אמת זאָג, וואָלסטו געקענט באַשטיין
צו לעבן אויפן חשבון פון אַ צווייטנס לעבן ?

פעליקס :

לאָז אָפּ די שאלות היינט. איך טו מיין אַרבעט,
ווייל, פשוט, ווי איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט,
אַ יעדער איינער שיצט זיך ווי ער קען.

לילי :

נאָר איינער שיצט זיך דריקנדיק די האַנט פון תליון,
און איינער שיצט זיך — אים צעדריקנדיק אינגאַנצן,
צום ביישפיל ווי...

פעליקס:

(פאַרנייגעריקט)

װי װער ?...

לילי:

(אַ ביסל פאַרלוירן)

װי קײנער... סתם...

פעליקס:

װאָס האָסטו מורא דען צו זאָגן מיר, װי װער ?...

לילי:

װאָס װילסטו עפּעס דװקא װיסן װער ?...

פעליקס:

(אַ ביסל פאַרלוירן)

אָט, סתם אַזוי... נאַר, לילי, װיסן זאָלסטו,
ס'איז קלאָר פאַר מיר דײַן פרעגן און דײַן אָנדײַט.
געדענק, זאָלסט נישט אַמאָל חרטה האָבן
פאַר אַלע די באַליידיקונגען דײַנע...

לילי:

דו װאָרנסט מיך...

(דערהערנדיק טריט)

די מאַמע גײט. זײַ מוחל,
מיר װעלן זיך אַ צװייט מאָל שוין צעטענהן.

(פעליקס אָפּ שנעל. לילי בלײַבט זיצן אין אַ נאָכטראַכטנדיקער, פײַנפולער פּאָזע)

פרידע:

(קומט אַרײַן, דערזעט לילין אין איר מצב)

װאָס זיצסטו אַזוי אומעטיק ? װאָס איז מיט דיר ?

(לילי הייבט־אויף דעם קאָפּ אומגערן)

מיר דאַכט זיך, לילי, אַז דו האָסט געװײנט...

לילי:

געווינט... כ׳האָב נישט געווינט. און אויב אַז יאָ,
פעלט היינט דען אויס ביי אונדז פון וואָס צו וויינען?
גענוג צו געבן זיך נאָר אַ דערמאָן
אין אַלע אונדזערע פאַרשוווּנדענע, צעשיידטע.
זיי מוחל, כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו אַרטורס בילד.
איך ווייס, ער איז שוין ס׳דריטע יאָר פאַרשפּאַרט...
ער טראַכט פון מיר... ער ליידט... ער בענקט און האָפט...

פרידע:

נו, איז דערפאַר...

לילי:

דערפאַר און אויך דערפאַר
וואָס עמעצער, אַ מענטש פון אונדזער קרייז,
וויל זיינע ליידן אים פאַרביטערן, באַשווערן...

פרידע:

ווי איך פאַרשטיי און ווי כ׳האָב עס באַמערקט
דאַרף זיין דאָס פעליקס, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות.

לילי:

ווי זאָל איך לייקענען? כ׳האָב קיינמאָל פאַר מיין מאַמען
קיין ליגן נישט געזאָגט. פאַרקערט, איך האָב
די ערשטע ליבע־סודות אַ פאַרשעמטע איר אַנטפּלעקט.
ס׳איז ער...

פרידע:

כ׳האָב שיינע מעשים אויך געהערט פון אים,
נעמט־אָן פאַר ליב מיט זיי ביים טיש צו זיצן,
און עסעמען די דייטשן־לופט, די אָפּגעסמטע,
און יעדן טאָג חניפהדיק צו דריקן זיי די האַנט
און יעדן טאָג צו זאָגן זיי „גוטמאָרגן״. און אַזאַ
זאָל גאָר אין אונדזער סביבה זיך געפינען.

לילי:

איך מוז דיר זאָגן, מאַמע, אַז כ׳האָב מורא עפּעס
פאַר טאַטן זיינע נישט־באַרעכנטע, געהיימע,
באַזונדערס קעגן מיר, ווען ער האָט ליב און פיינט.
אויב נישט די ליבע, מינדעסטנס די פיינטשאַפט זיינע
איצט אויספירן קען ער מיט פולער האַנט...
כ׳האָב מורא, מאַמע, און ס׳וועט גלייכער זיין פאַר מיר
פאַרלאָזן גיך פאַריז, זיך נעמען גרייטן...
(עס קומט אַריין אַלעקס)

פרידע:

אַ גאַסט באמת, אַלעקס...

אַלעקס:

אַ גוטנאָוונט אייך.
(באַגריסט זיך. זעענדיק ליליס גרייטן זיך אַוועקצוגיין)
וואָס איז דיין איילן זיך, ווען כ׳קום צו גיין?

לילי:

כ׳וועל אפשר קומען באַלד, דערווייל מוז איך אַוועק.
די מאַמע וועט דיר וועגן אַלעמען דערציילן.
(אָפּ)

פרידע:

קומסט אַזוי זעלטן איצט, מיין קינד, און זי...

אַלעקס:

וואָסי?

פרידע:

זי גרייט זיך צו פאַרלאָזן גיך פאַריז.
דו ווייסט דאָך, פעליקס... ער פאַרפאַלגט זי אָפּט,
שטייט־צו... נו, קלערט זי, האָט זי טאַקע מורא...

אַלעקס:

ס'איז, וואָס אַן אמת, מיר אַ ביסל שווער. גראָד איצט.
ווען זי פאַרלאָזט דיך, בין איך דיר געקומען זאָגן,
אַז ס'איז פאַרוועדט מיר אין דעם הויז צו קומען...

פרידע:

(נישט באַנעמענדיק אינגאַנצן)
פאַרוועדט...

אַלעקס:

יאָ, די געפאַרן זענען גרויסע, מאַמע,
כ'וועל זעלטענער איצט קומען אין דעם הויז,
און אויב ס'וועט נויטיק זיין — פאַרלאָזן אויך פאַריז.

פרידע:

(צופאַלנדיק צו אַלעקסן מיט באַאומרואיקונג)
אויך דו... וועסט אויך פאַרלאָזן מיך, ווי אַלע...

אַלעקס:

נו, מאַמע, שוין... באַרואיק זיך, נו, שוין...
דו שעמסט זיך נישט, דאָס קינד דאַרף איינשטילן די מאַמען...

פרידע:

(דערזעענדיק, אַז אַלעקס טראָגט נישט די געלע לאַטע)
וואָס טראָגסטו נישט די געלע לאַטע, זע איך, אַלעקס?

אַלעקס:

(נאָך אַ פויזע און ישוב־הדעת)
כ'האָב אויסגעטאָן די שאַנד און אָנגעטאָן די ווירדע.
די געלע לאַטע טראָג איך נישט, און אויף איר אָרט —
כ'וועל טראָגן דאָס כלי־זין פון נקמה.

פרידע:

מיין איינציק קינד !...

אַלעקם:

נו, יאָ, כ׳בין איינציק, מאַמע,
ס׳איז קיינער מער נישטאָ, דאַרף איך באַצאָלן.
אויב וועל איך אויך פאַרלוירנגיין — ווער וועט עס טאָן?
נו, שאַ, באַרויִק זיך. אָט זעסטו, קום איך
און איך דערצייל דיר אַלץ, ווייל פאַר מיין מאַמען
האָב איך נאָך קיינמאָל מיינע מעשים נישט באַהאַלטן.
נאָר־וואָס האָב איך זיך ביי די שכנים אויסגעפרעגט
ווי דו האָסט זיך פאַרהאַלטן יענע נאַכט,
און כ׳ווייס, האָסט נאָכגערופן נאָך די רוצחים:
„געדענקט, באַצאָלן וועט מען אייך פאַר אַלץ!"
איז דאָס נישט אמת, מאַמע?

פרידע:

יאָ, ס׳איז אמת.

אַלעקם:

די קאַפּלאַנס האַלטן שטענדיק זייער צוזאָג.
(פויזע)
אין יענעם וויסטן טאָג, ווען יונג און אַלט
אַרויסגעשלעפּט געוואָרן איז צו אומקום,
בין איך אַרומגעגאַנגען פאַרזיכטיק אין שטאָט
און אַלצדינג צוגעזען מיט מיינע אויגן,
זיך צוגעקוקט צום עולם, דעם פאַרצווייפלטן, וואָס האָט
אַנטקעגן שלעכטס נישט מער ווי טרערן אין די אויגן.
אָט זע איך נאָך די יונגע מוטער מיט דעם קינד,
וואָס פרייט זיך און וואָס לאַכט, נישט וויסנדיק פון גאָרנישט,
און ס׳שפּילן זיך די הענטלעך זיינע מיט די קנעפּ
פון איניפאָרם און רימען פון זשאַנדאַרם, וואָס היט אים...
דער קינדערישער שמייכל לייכט אין מיין זכרון,
ער שטעלט זיך טאָג און נאַכט פאַר מיינע אויגן

און ברענט מיין יונגן גוף, דעם נישט־געשטילטן,
און וועקט און רופט צו מעשים מיינע הענט.

פרידע:

זיי מוחל מיר, מיין קינד, די טרערן פון מיין צער,
כ׳פאַרשטיי און איך באַנעם דיין ווילן, אָבער...

אַלעקס:

ביינאַכט קען איך נישט איינליגן אויף מיין געלעגער,
עס וואַרפט מיך, דאַכט זיך מיר, אַראָפּ פון זיך:
ווי קענסטו איינרוען? ווי קענסטו שווייגן?
און כ׳ליג און קען קיין אָרט זיך נישט געפינען.
ווען כ׳נעם דאָס מעסער אין דער האַנט צום שניידן ס׳ברויט
דערפיל איך, ס׳וויל נישט מער אָוועק פון מיינע פינגער,
און ס׳טרעט נישט אָפּ און רופט מיך אויף און מאָנט:
דו וועסט נישט טאָרן עסן ס׳ברויט, דער ביסן
וועט בלייבן שטעקן דיר אין האַלדז, אויב וועסט
מיט מיר נישט אויספירן דיין הייליקע נקמה!

פרידע:

איך ווייס צו שעצן דיינע רייד פון טיפן האַרצן.
קענסט דו דערפילן אויך דיין מאַמעס האַרץ?

אַלעקס:

איך ווייס, דו ביסט אַ מאַמע און דערצו מ י י ן מאַמע.
נאָר אויב נישט איך, ווער, ווילסטו, מאַמע, זאָל באַצאָלן ז י י,
ווי דו האָסט דאָס פאַרלאַנגט אין יענער נאַכט?
פאַרגעסט, אַז דער, וואָס וועט דאָס דאַרפן טאָן פאַר מיר,
האָט אפשר אויך אַ מאַמען, צי אַ פרוי, אַ קינד...
(קוקט אויפן האַנט־זייגערל)
זיי מוחל, כ׳דאַרף זיך צוזאיילן, ס׳ווערט שפעט.

פרידע:

(צופאַלנדיק צו אַלעקסן מיט באַאומרואיקונג און ליבשאַפט)

כ׳האָב עפּעס אַזוי מורא פאַר דיין גורל, אַלעקס.

אַלעקס:

דעם גורל האָב איך אויסגעקליבן־זיך אַליין
און אויך דער גורל האָט מיך אויסגעקליבן —
צו דעם, וואָס כ׳בין באַשטימט. נו, שוין, באַרואיק זיך.
איך גלויב און האָף, מיר וועלן נישט פאַרלוירנגיין.
איך שווער ביי אונדזער הייליקער ירושה,
איך שווער ביים אָנדענק פון „דעם זיידנס ניגון״:
איך וועל דיך נישט פאַרגעסן.

(נעמט אָפּשייד)

זיי געזעגנט.

(אָפּ)

פרידע:

(צו דער ריכטונג פון אַלעקס׳ פאַרשווינדן)

אַלעקס...

(בלייבט זיצן אין פיינלעכן נאָכטראַכטן. עס קומען אַריין מאַדאַם ווידאַל און מאַדאַם זשיראַר, פראַנצויזישע שכנות)

ביידע פרויען:

גוטנאָוונט, מאַדאַם קאַפּלאַן.

מאַדאַם ווידאַל:

(דערזעענדיק פרידע קאַפּלאַנס מצב)

וואָס איז אייך?

פרידע:

גוטנאָוונט, אָט אַזוי... געטראַכט פון צרות מיינע...

מאַדאַם זשיראַר:

דאַך דאַרף מען נישט פאַרצווייפלען, מאַדאַם קאַפּלאַן.

די נייעס, וואָס מ'האָט היינט געהערט, איז זייער גוט.
דער ראַדיאָ רעדט פון זייערע מפּלות.

מאַדאַם ווידאַל:

אַך, ווי זיי זינקען דאָס ביי סטאַלינגראַד!
נישקשה, מען באַצאָלט זיי אויך פאַר אונדזערטוועגן.
וואָס דאַרפט איר זיצן דאָ אין לאַנגווייל, מאַדאַם קאַפּלאַן?
איך לאַד אייך איין צו מיר. דער ראַדיאָ גייט.
קומט, קומט, מיר וועלן נעמען לאָנדאָן,
(שטילער)

מאָסקווע אויך...

און מירן נעמען אויך אַ שוואַרצע קאַפּע. קומט.

פרידע:

אַ דאַנק, איך קום באַלד נאָך, איך קום באַלד נאָך.

מאַדאַם ווידאַל:

(אַוועקגייענדיק)
מיר רעכענען אויף אייך, קומט תיכף, מאַדאַם קאַפּלאַן.
איך שטעל־אָן לאָנדאָן און שטעל־צו אַ קאַפּע.
(מאַדאַם ווידאַל, מאַדאַם זשיראַר אָפּ)

פרידע:

(צו די אַוועקגייענדיקע)
באַלד...
(נעמט עפּעס פאַרצייכענען אין איר טאָגבוך, שרייבנדיק)
דעם דריטן יאַנואַר, יאָר נייַנצן־דריי־און־פערציק...
(טראַכט אַ ווײַלע. פּויזע. עס דערהערט זיך אַ קלונג. ווענדנדיק דעם קאָפּ צו דער טיר)
שוין... ווי זיי האָבן דאָס נישט קיין געדולד...
(עפנט די טיר. עס קומען אַריין צוויי פּאָליציי־אַגענטן)

פרידע:

(איבעראַשט)

וואָס ווינטשן זיך די הערן?

ערשטער פּאָליציי־אַגענט:

פּאָליציי...

פרידע:

נאָך וואָס? וואָס דאַרפט איר?

צווייטער פּאָליציי־אַגענט:

איר זענט פרידע קאַפּלאַן?

פרידע:

יאָ.

ערשטער פּאָליציי־אַגענט:

מאַכט אייך גרייט, איר גייט מיט אונדז, מאַדאַם,
און נעמט דאָס נויטיקסטע.

פרידע:

איר מיינט דאָס טאַקע מיך?...

צווייטער פּאָליציי־אַגענט:

ס'איז אַ באַפעל. איר וועט זיך אויסטענהן שוין דאָרטן...

פרידע:

(נעמט צונויף די נויטיקסטע זאַכן און מאַכט זיך אַ פּעקל. נאָך אַ פּויזע)

אָט בין איך גרייט... כ'האָב בלויז איין ווונטש צו אייך,
און אפשר גאָר דער לעצטער שוין, דערלויבט מיר
געזעגענען זיך מיט מיין פּיאַנע, ווייל אַזוי
האָט אויך געטאָן מיין מוטער פאַרן שטאַרבן.

(ביידע פּאָליציי־אַגענטן קוקן זיך איבער ווי איבעראַשט פון אַ משונהדיקן איינפאַל)

דערלויבט מיר שפּילן, און קען זיין, צום לעצטן מאָל,
דאָס ליד פון אונדזער שטאָם, פון אונדזער הויז,
וואָס קיינמאָל וועט עס נישט אַנטשוויגן ווערן.

(זעענדיק, אַז די פּאָליציי־אַגענטן דערווידערן נישט, זעצט זי זיך צו צו דער פּיאַנע און שפּילט־אויף „דעם זיידנס ניגון". די פּאָליציי־אַגענטן און דאָס פּעקל וואַרטן ווי פּאַרגליווערט. שפּילנדיק, צו די משפּחה־פּאָרטרעטן אויף דער וואַנט, קעגנאיבער דער פּיאַנע)

אַדיע, געזיכטער נישט־פּאַרלאָשענע אויף מיינע ווענט,
וואָס אייער בליק פלעגט נאָכגיין מיר אין יעדן גאַנג,
עס וועט באַגלייטן מיך אויף מיינע וועגן אייער ליד,
און אויב איך וועל פאַרגיין אין וואָגלעניש, אין נע־ונד —
אָ, ווער־זשע וועט עס ווייטער ציען צו מיין טרייסט ?
הערט־אויס, הערט־אויס דעם לעצטן ריר פון מיינע פינגער,
איר הייס־געליבטע שאָטנס פון אַמאָל.

(צו דער פּיאַנע)

און דו, מיין טייערע, מיין איינציקע, וואָס באַלד
וועט קיינער שוין נישט זיין מיט דיר און שווייגן
וועסטו, ווי מיינע פינגער, ווי מיין האַרץ.

(צו די פּאָרטרעטן)

אַ גרוס אייך, קינדער מיינע איבער שטעט און ימען,
אַ גרוס אייך, ער־געץ־ווו געפאַנגען אונטער שלעסער,

(ענדיקט שפּילן. שטעלט זיך אויף. שטייענדיק צווישןביידע פּאָליציי־אַגענטן מיטן פּעקל אין האַנט, גרייט צום גיין)

אַ גרוס דיר, אַלעקס, ווו דו זאָלסט זיך נישט געפינען —
זאָל זיין געבענטשט די טאָט פון דיינע הענט!

בילד פינף

פאַרטיזאַנער אין אַ וואַלד אין פוילן. אין אָפּרו נאָך אַ שלאַכט זיצן קעמפער אַרום אַ שייטער. צווישן זיי — לאַזאַר, מאָטעלע, שבתי, אַנטאַני.

לאַזאַר:

...און דאָס איז די געשיכטע פון „דעם זיידנס ניגון".

(צו אַ פאַרטיזאַנער מיט אַ האַרמאָניע)

דערלאַנג מיר די האַרמאָניע דיינע, כ'בעט דיך.

(נעמט די האַרמאָניע, שפּילט „דעם זיידנס ניגון")

אויף יעדן וואָגל האָט דער ניגון מיך באַגלייט,
פון פראַנקרייך ביז קיין בירקענוי און ביז אַהער.
אין רעדער פון די טויט־וואַגאָנען, אונטערוועגנס,
האָב איך געהערט ווי ער האָט אָפּגעקלונגען:
כ'וועל זיין ! כ'וועל איבערחזרן זיך אויפדאָסניי
אין דורות, ווי אַן אייביקער רעפריין.
און אויף די דראָטן די געלאָדענע מיט מיתה,
כ'האָב ווי אויף סטרונעס אים געשפּילט. איך האָב געהערט
זיין ווידערקול: די דראָטן וועלן בשום אופן נישט
דער־הרגענען און נישט פאַרשטרייכן דיין געזאַנג !

אַ פאַרטיזאַנער:

(קומט־אָן, צום קאָמאַנדיר)

מען דאַרף אייך נייטיק, חבר קאָמאַנדיר.

קאָמאַנדיר:

(שטעלט זיך אויף. צו די אַרומזיצנדיקע)

כ'קום באַלד צוריק. ס'איז גוט אייך אויסצוהערן
אין אָפּרו־שעהן נאָך אַ שלאַכט. כ'קום באַלד צוריק.

(אָפּ מיטן פאַרטיזאַנער)

לאַזאַר:

(שפּילנדיק)

ווי גוט עס איז די פינגער אָפּצופּרישן, חברה,
אויף וואָס עס זאָל נישט זיין. ס'איז שוין אַזאַ
משפחה־טבע. אָ, נישט איינמאָל פלעג איך וועלן
שטאָט צולייגן דאָס אויער צו מיין טרייבל,
אים צולייגן צו וועלכן־ס'איז־נישט אינסטרומענט.
ווי גוט עס איז צו שפּילן!... שפּילט דאָ ווער פון אייך?

אַנטאָני:

(אַן עלטערער פּאַרטיזאַנער)

אַמאָל, אַמאָל בין איך אַן אָרעם פּאַסטעכל געוועזן,
און שפּילן פלעג איך אויף אַ פּישטשאַלקע אַ פּראָסטער,
וואָס כ'האָב מיר פון אַ צווייגל אויסגעשניצט אַליין.
אַ סמוטנע ליד אַזאַ אויף איר געשפּילט, אַ סמוטנע,
עס פלעגן שטיל זיך איינהערן צו דעם
די בהמהלעך אין פעלד, די זשאַבעס ביי דעם טייך,
די פייגל אויף די צווייגן, און דאָס גאַנצע דאָרף
פלעגט האָרכן אַזוי שטיל, פלעגט האָרכן... עך, עך כלאָפּצי!
נישטאָ מער ס'דאָרף, דער שוואַב האָט עס פאַרברענט,
ביז לעצטן צווייגל, ביז דער לעצטער שטרוי,
פאַריאָגט די מענטשן, די בהמות אויפגעפרעסן.
נישטאָ די פּישטשאַלקע, דאָס אַלטע ליד פאַרגעסן,
געבליבן בלויז אַנטאָני.

לאַזאַר:

נו, ווער נאָך?

מאָטעלע:

(ווייזט אויף זיין געווער)

אויף אָט דער כּלי בלויז קען איך אייך שפּילן!

שבתי:

(אַ ישיבה־בחור, אַ פּאַרטיזאַנער)

ער הערט נישט אויף צו חכמנהנען זיך, מאַטעלע...

אַנטאָני:

אַז אונדזעריקע זענען שוין נישט ווייט פון דאַנען

קען ער זיך חכמהנען און לעבעדיקער זיין...

מאָטעלע:

אָן חכמות, חברה, כ׳זאָג אייך נאָך אַמאָל:

(ווייזט אויף זיין געווער)

כ׳קען שפּילן בלויז מיט דעם אויף דייטשע קעפּ.

אוי, וועל איך זיי נאָך אַ שפּיל־טאָן, זאָג איך אייך!

(נאָך אַ פּויזע)

זיי האָבן אַלעמען פאַרמוטשעט ביז צום טויט.

ווער ווייסט צי כ׳וועל נאָך עמעצן דערווישן.

איך בין אַליין מסתּם געבליבן אויף דער וועלט.

(ווייזט אויף זיין געווער)

בלויז דאָס האָב איך, אָט דאָס איז איצט מיין מאַמע,

מיין טאַטע, מיינע שוועסטער, מיינע ברידער.

(נאָך אַ פּויזע)

וועל איך דערמיט זיי שפּילן!...

לאַזאַר:

און דו, שבתי?

שבתי:

כ׳האָב קיינמאָל נישט אין זין געהאַט קיין שפּילערייען,

געווען אַן אָרעמער ישיבה־בחור אין דער פרעמד,

געגעסן טעג...

מאָטעלע:

(איבערייסנדיק)

און צוגעהונגערט וואָכן...

שבתי:

(אומצופרידן מיט מאַטעלעס איבערייסן)

געזעסן יום ולילה ביי דעם ספר

און מער פון דעם גמרא־ניגון נישט געקענט...

מאַטעלע:

(צולייגנדיק האַלץ צום פייער)

נו, טוט נאָר נישט קיין עין־הרע מיר דעם פייער,

איך בעט אייך, טשעפּעט נישט דאָס פייער, כ׳גיי נאָך האָלץ.

(אָפּ)

קאָמאַנדיר:

(קומט צוריק. צו לאַזאַרן און שבתין)

נו, איצט דערציילט פון אייער אָנקומען אַהער.

ס׳איז גוט די מעשיות אויסצוהערן אַרום פייער.

(פאַריכט לייכט דאָס פייער)

לאַזאַר:

באַלד, באַלד, וועט מאַטעלע אויך זיין, ער קומט שוין.

אַנטאָני:

(צום קאָמאַנדיר)

אָ, ער האָט פיינט, אַז ס׳טשעפּעט ווער זיין פייער.

שבתי:

ער האָט חזקה שוין איבערן פייער, מאַטעלע,

קלויבט האָלץ, באַהאַלט צום טרוקענען, פאַרשטעקט עס ערגעץ,

און קיינער ווייסט נישט ווו...

(קאָמאַנדיר רודערט אויף דאָס פייער)

מאַטעלע:

(קומט מיט אַ בינטל האָלץ)

אָ, חבר קאָמאַנדיר,

איך וועל מיך מיטן פייער שוין פאַרנעמען...
(פאַר זיך)
זיי וועלן מיר נאָך אָפּקלאָגן דאָס פייער...

קאָמאַנדיר :

(צו לאַזאַרן, מאָטעלען און שבתין)
נו, חברה, כ׳הער, דערציילט פון אייער פליטה.

לאַזאַר :

אין בירקענוי געאַרבעט האָבן מיר צוזאַמען,
איך, מאָטעלע און שבתי. אַלע דריי
מיר האָבן צו דער ווייסל אָפּגעפירט
דאָס אַש פון מתים. און טאָג־אויס, טאָג־איין אַזוי :
די זעלבע פינצטערע און טרויעריקע אַרבעט.
דאָס פייער האָט געברענט, קיין אַש האָט נישט פאַרפעלט.
האָב איך מיט מיינע הענט מיין פאָלק געברענגט צו קבורה,
טאָג־אויס, טאָג־איין דער זעלבער גאַנג, דער זעלבער וועג,
נאָר אין דער שטיל און אין געהיים האָט יעדער
געגרייט זיך אויף אַ צווייטן וועג צו לאַזן...
און ס׳איז געשען. מיר האָבן זיך צו אייך געלאָזט.
ווי עקדישן געפּויזעט אויפן בויך,
געריסן מיט די ציינער ביטערניש פון קאָרע;
ווי מן, דעם פאַלנדיקן שניי געשלונגען...
(צו מאָטעלען)
דערצייל זיי, מאָטעלע, ווי דו האָסט עס געמאַכט.

מאָטעלע :

געוועזן זענען מיר ביים ברעג פון ווייסל,
מיר זאַלבעדריט — דריי יידן, זיי — צוויי דייטשן.
דריי יידן און דריי לאָפּעטעס איז, דאַכט זיך מיר,
אַ קימאַ לן און אַזוי גוט ווי זעקס.
איינמאָל באַפעלן אונדז די דייטשן, אַז מיר זאָלן

זיך גראָבן קברים. גראָבן מיר. און ווי איך גראָב,
גיב איך אַ טראַכט, אַז אויב נישט איצטער, מאָטל,
איז אויס מיט אונדזער פליטה. כ׳זע ווי שבתי
זאָגט ווידוי, קלאַפּט זיך שטילערהייט אין האַרצן.
און ווען מיין דייטש האָט זיך פאַרקוקט אַ ווײַלע,
האָב איך אים מיט מיין גאַנצן, לעצטן כוח
געגעבן מיט מיין לאָפּעטע אַ בענטש,
ביים ערשטן זבענק האָט ער פון קאָפּ אַראָפּ
די קאַסקע גלייך פאַרלוירן...

קאָמאַנדיר :

און דעם קאָפּ ?

מאָטעלע :

און אויך דעם קאָפּ געהאַט אַ ביסל שוין פאַרלוירן...
הכלל, נאָך אָט דעם ערשטן קלאַפּ האָט שבתי
שוין נישט באַדאַרפט אין האַרץ אַריין זיך קלאַפּן
און בעסער מיר שוין צוגעהאָלפן קלאַפּן אינעם דייטש.
און, ווען איך האָב מיין לאָפּעטע פאַרהויבן,
האָט לאַזאַר אָפּגעשוועגקט דעם צווייטן דייטש אין ווייסל.
דערנאָך געצויגן האָבן מיר דורך פעלד און וואַלד,
אַ טאָג אַ גאַנצן מיט אַ נאַכט אַזוי געצויגן
ביז ס׳האָט דאָס מזל אונדז אַהער פאַרטראָגן.
(פויזע. נעמט אָפּער פון ערגעץ לעבן זיך אַ דייטשע קאַסקע און באַווייזט זי)
כ׳האָב מיטגענומען עפּעס פונעם דייטש צום אָנדענק.
און אָט איז אויך מיין לאָפּעטע, וואָס צוליב איר
בין איך אויפסנייי געבוירן.
(דריקט די לאָפּעטע צום האַרצן)

דו, מיין אוצר !

(טוט־אָן די קאַסקע אויף אַ נידעריק־אָפּגעהאַקטער צווייג פון אַ בוים, גיט אין איר אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע)

ווי פיין עס קלינגט ! ווי פיין ס׳האָט דאַן געקלונגען !

שבתי:

ווער ס'האָט דעם קלונג געהערט אין יענער רגע,
דער וועט שוין הערן אויך דעם שופר של משיח.

לאַזאַר:

דער וועט דערהערן דעם טרומייט פון זיג און פרייהייט.
(פויזע. אַלע וואַרעמען די הענט ביים פייער. שטילקייט)

קאָמאַנדיר:

וואָס האָט איר פלוצים גאָר פאַרטראַכט זיך?

לאַזאַר:

איך — פון פייער.
פון פייער האָב איך זיך פאַרטראַכט. איך קוק אין אים
און ס'דאַכט זיך מיר, איך זע דאָס קרעמאַטאָריע־פייער...
עס שטרעקט זיך אויס פון יעדער פייער־צונג אַ האַנט
און וואָרנט מיך און בעט: „זאָלסט נישט פאַרגעסן!
דיין האַנט זאָל זיי פאַר אַלעמען באַצאָלן!"
כ'האָב נישט פאַרגעסן, ווי מען זעט דאָס, און מיין האַנט
איז וואַך און האַלט אַ ביקס, נאָר יענע פייער־פלאַמען
זיי הערן אַלץ נישט אויף כסדר מיך פאַרפאָלגן...

שבתי:

איך טו אַמאָל אַ קוק צום הימל דאָרטן,
ער איז אינגאַנצן רויט פון קרעמאַטאָריע־פייער.
און ס'גיבן מיר זיך אַ דערמאָן די קינדער־יאָרן,
דאָס שטעטל מיינס, דאָס חדר. ווען עס פלעגט פאַרנאַכט
דער הימל ווערן רויט, איז דאָס געווען אַ סימן,
מען ברענט דאָס די רשעים אין גיהנום.
און דאָ, אוי ווי איז מיר, צדיקים ברענט מען!...
צדיקים ברענט מען!... און פאַרוואָס דערלאָזט ער,
דער כביכול, ברענען די צדיקים זיינע?

כ׳דערשרעק זיך פאַר די זינדיקע מחשבות מיינע,
קריג מורא און איך טרייב זיי אָפּ פון מיר,
זיי זאָלן נישט אויף מיר קיין שליטה האָבן,
נאָר ווען עס קומט די נאַכט, זיי וואַכן־אויף אין מיר,
די ברענענדיקע מתים קומען מיר צו חלום
און בריען מיך און ווערגן מיך און שרפען.
איך שריי, נאָר קען מיך קעגן זיי נישט ווערן.

אַנטאָני :

און איך, אַז כ׳קוק אין פייער, וואָס דערמאָנט עס מיך ?
דאָס שטעטל ווו כ׳בין האָלצהעקער געוועזן.
געוווינט בשכנות פון דער ייִדישער בוזשניצע
און ווען אין יום־טוב, אינעם „סאָנדני דזשען״, פאַרנאַכט,
ווען ס׳פלעגן אָנהייבן די גרויסע לעכט צו טאָפּיען
און מורא האָבן פלעגט מען פאַר אַ שרפה,
פלעג איך אַריינקומען אין שול אַריין און לעשן...
און איצט — פאַרברענט די שול און אויך די דאַוונערס אירע.
פאַרקוק איך זיך אין פייער דאָ, דערמאָן איך זיך
און כ׳זע נאָך יענע לעכטעלעך, די ווייסע,
די הייליקע נשמהלעך, פאַרלאָשן, עך...

מאָטעלע :

און איך, אַז כ׳הער ווי איר האָט אַזוי פיל
צעדבר־ט זיך פון פייער, וויל איך דעם רוצח
דערמאָנען אין מיין טאַטנס אַ באַליבטער קללה :
אַ פייער זוכט דיך, טייוול פון טייוולאָנים !
וועסט ברענען, זאָגט דיר מאָטעלע, וועסט ברענען !
אַ פייער זוכט דיך און וועט דיך געפינען !
(גיט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער לאַפּעטע אין דער קאַסקע)
און ווי די קאַסקע דיינע, דו, אויך דו וועסט הענגען !

קאָמאַנדיר :

מעגסט קלאַפּן העכער, מיטן גאַנצן כוח, מאַטעלע!
זאָל זיין דיין קלאַפּ די גוטע בשורה פון נצחון!
(הייטערקייט, אויפלעבונג צווישן די פּאַרטיזאַנער)
ס׳איז זיכער, און כ׳בין אַלעמען מודיע,
אַ גרויסער גאַסט קומט־אָן — די רויטאַרמיי!
זייט גרייט זי אויפצונעמען, ווי עס פּאַסט.
(הייטערקייט, אויפלעבונג צווישן די פּאַרטיזאַנער)

אויסרופן פון די פּאַרטיזאַנער :

— וויוואַט דער רויטאַרמיי!
— וויוואַט דעם גרויסן גאַסט!
— מיר גייען אים אַנטקעגן!

קאָמאַנדיר :

נאָך נישט אַלץ.
מיר דאַרפן צואיילן זיין קומען היינט ביינאַכט.
דער פיינט אין אונדזער קאַנט פאַרזינקט אין זיין מפּלה,
היינט רירן מיר און ס׳וועט דער גאַנצער וואַלד
אים געבן נאָך אַמאָל צו פילן אונדזער גבורה.
(פּאַרטיזאַנער גרייטן זיך אין וועג אַריין. עס דערהערט זיך אַ ווייטער קאַנאָנען־שאָס)

שטימען :

— איר האָט געהערט ? !
— געהערט ?...

מאַטעלע :

(מיט התלהבות)
זיי לאָזן זיך שוין הערן!
(עס דערהערט זיך ווידער אַ ווייטער שאָס)

אַנטאָני:

אַן אונדזעריקער שאָס, וואָלט איך געשווירן.
אַן אונדזעריקן שאָס דערקען איך לויטן קלאַנג.

לאַזאַר:

דער גאַסט איז אונדז מודיע פון זיין אָנקום,
ער מעלדעט פריער, ווי ביי לייטן פירט זיך,
קלאַפּט־אָן, נאָר וואַרט נישט ביז וועסט זאָגן אים: אַריין...

מאָטעלע:

(זיך רייבנדיק די הענט פאַר נחת)

די רויטאַרמיי... אַ כוח און אַ קראַפט אין אירע ביינער!
די רויטאַרמיי נישט ווייט, איז וואָס־זשע שווייגט איר?!
(גיט אַ הילכיקן קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע אין דער קאַסקע. צו אַנטאָנין)
עס קלינגט! און אַז עס קלינגט איז חגא, האַ, אַנטאָני!
און ווי כ׳האָב צוגעזאָגט, אַזוי וועט זיין. וועסט זען,
ווי ס׳הענגט זיין קאַסקע, וועט זיין קאָפּ ביי מיר נאָך הענגען!

אַנטאָני:

(צו מאָטעלען)

קלינג לעבעדיקער, זשוואָווע, אַז דו האָסט דערלעבט!

מאָטעלע:

(גיט ווידער אַ קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע אין דער קאַסקע. צו איר געוואָנדן)
אָהאָ, דו ביסט אַ פּאַרטיקער, ווי כ׳בין אַ ייד!
נישט לאַנג ווי ביסט מיט געגזן־שריט געגאַנגען,
איצט וועסטו מיר מיט האָזן־שריט שוין לויפן!...
(געלעכטער פון די אַרומיקע. מאָטעלע פאַרשווינדט)

לאַזאַר:

די רויטאַרמיי זי וועט מיך צו מיין מאַמען פירן,
ווי זי וועט נאָך מיט מזל און מיט גליק
די וועלט דערפירן צו אַ טאָלק און צו מנוחה.

ווייסט אפשר ווער, ווו זי געפינט זיך איצטער,
מיין אַלטע מוטער דאָרט, אַליין און אין סכנה ?
וואָלט זי כאָטש וויסן וועגן מיר, אַז איך בין דאָ
און כ׳וועל זיך אפשר מיט מיין ביקס צו איר דערשלאָגן.
כ׳וועל קומען קיין פּאַריז. מיר זענען דורך די בראַנד
און וועלן אויך דאָס בראַנדענבורגער טויער דורכגיין !
ווי צו אַן עשאַפאָט וועל איך אַהין דיך שלעפּן,
פאַרפּעסטעטע היטלער־דייטשלאַנד, שאַנד פון אונדזער דור,
זאָלסט ענטפערן פאַר דיינע שולדן און פאַרברעכנס !
ביסט מיין בעל־חוב און איך דיין שטרענגער מאָנער !
כ׳וועל אויפמאָנען פאַר אַלץ, פאַרשאָלטענער רוצח,
עס זאָל פון דיר קיין מינדסטע שפור נישט בלייבן !

קאָמאַנדיר :

ווו איז פאַרשווונדן מאָטעלע ? מיר רירן באַלד !

אַ שטים :

ווו ביסטו, מאָטעלע ?

מאָטעלע :

(קומט־אָן מיט אַ גאַר גרויסן בונט האָלץ, פון וועלכן מען זעט אים קוים אַרויס)

כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָ !

איר דאַרפט עפּעס פון מיר, איז וואָס־זשע שווייגט איר ?

(וואַרפט דאָס גאַנצע האָלץ אויפן פייער. דאָס פייער ווערט גרעסער און גרעסער)

דעם גאַנצן וואַלד אַהער פאַר אונדזער פייער !
דאָס גאַנצע פייער פאַר דער רויטאַרמיי !
זאָל ליכטיק זיין לכבוד אונדזער גרויסן גאַסט !

(דאָס פייער ווערט גרעסער און גרעסער)

בילד זעקס

פאַריז, 1944. נאָך־וואָס אויסגעלייזדיקטע ווינונג פון ד״ר לאַזאַר קאַפּלאַן. עטלעכע דייטשן מיען זיך ביים אַרויסטראָגן דאָס לעצטע פון צימער — די פּיאַנע. אין מיטן פון צימער — אַן אָנגעוואַלגער פון מיסט און נישט־ווערטפולע זאַכן. טאַפּעטן פון די ווענט אַראָפּגעריסן, עלעקטרישע איינ־ריכטונג און זשיראַנדאָל — צעשטערט. אין איינגאַנג, אויף די טרעפּ, דורך דער אָפענער טיר, זעט זיך די הויז־וועכטערין מיט אַ בעזעם אין דער האַנט.

ערשטער דייטש:

(ביים אַרויסטראָגן די פּיאַנע)

דאָס מעבל־שטיק איז שווער און היפּש, נישט וואָר ?

צווייטער דייטש:

עס לוינט די מי, געלוינט אַהערצוקומען,
די היימאַט וועט אונדז דאַנקבאַר זיין פאַר דעם געשאַנק.

דריטער דייטש:

ס'איז נישט דאָס וואַנצן־מעבל, וואָס מיר שלעפּן
כסדר פון די יידן אויף בולוואַר בעלוויל...

ערשטער דייטש:

(צו דער הויז־וועכטערין, וואָס געפינט זיך אין דער אָפענער טיר, אָנווייזנ־דיק איר אויפן היפן מיסט אין ליידיקן צימער).

דאָס איז פאַר אייך, מאַדאַם...

(די איבעריקע דייטשן לאַכן ווילד)

כאַ, כאַ ! האָ, האָ !

(הויז־וועכטערין שווייגט מיט פאַראַכטונג. דאָס געלעכטער פון די דייטשן שטילט זיך איין צוזאַמען מיט זייערע טריט און קולות ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּ)

הויז־וועכטערין :

(קומט אַריין געלאָסן, פאַרמאַכט איין האַלבע טיר, באַטראַכט דעם צושטאַנד)

וואָס פאַר אַ שרעק אין אָט דער שטוב, מיין גאָט !

(באַטראַכט די קופּע מיסט)

און דאָס איז אַלץ, וואָס בלייבט ביי זיי נאָך מענטשן...

(צום מיסט)

וועסט בלייבן אָט אַזוי, איך וועל דיך נישט פאַרקערן.

פאַרבלייב דאָ ווי אַן עדות פון אכזריות און פאַרברעך !

(מאַדאַם זשיראַר, מאַדאַם ווידאַל קומען אַריין)

מאַדאַם זשיראַר :

מיין גאָט ! איך האָב דאָס צוגעזען פון פענצטער.

געזען זיי טראָגן פונעם הויף אַרויס די פּיאַנע,

איז ווי זיי וואָלטן דעמאָלט פון מיין הויז

אַ קרוב צי אַ פריינט אַרויסגעטראָגן.

מאַדאַם ווידאַל :

(דערזעענדיק די פאַרבליבענע שטוב־קאַץ, וואָס זיצט אויף דער קופּע מיסט און מיאַוקעט)

מימי, דו ביסט אין הויז אַליין געבליבן, האַ ?

נו, שאַ, מימי, זיי גליקלעך וואָס דו ביסט אַ קאַץ,

אַ קאַץ... אַ קאַץ און נישט קיין מענטש, מימי...

הויז־וועכטערין :

(הייבט־אויף פון מיסט צעטראָטענע בילדער פון די קאַפּלאַנס און ריי־ניקט זיי אָפּ)

פאַרטרעטן... כ'וועל זיי ריינמאַכן און זיי באַהאַלטן.

מאַדאַם זשיראַר :

פאַר וועמען דען ?... שוין בעסער וואָס די מאַדאַם קאַפּלאַן

איז נישט פאַראַן דערביי און זעט נישט צו דאָס אַלץ.

הויז־וועכטערין :

(נאָך אַן אינערלעכער וואַקלעניש)

הערט אויס, איך זאָג עס אייך, איר דאַרפט עס וויסן :

די מאַדאַם קאַפּלאַן איז פאַראַן...

מאַדאַם ווידאַל :

(איבעראַשט)

וואָס זאָגט איר !...

מאַדאַם זשיראַר :

און ווי אַזוי ? !

הויז־וועכטערין :

חדשים שוין ווי כ׳היט זי אויס

און היט דעם סוד. איך קען אייך און פאַרטרוי אייך.

זי נויטיקט זיך אַמאָל אין אייער הילף.

ביידע שכנות :

געוויס.

הויז־וועכטערין :

פון גרויסן זאַמל־אָרט, וווהין מ׳האָט זי געפירט,

ווו זי האָט זיך געפונען אַ פאַרשפּאַרטע,

האָט עמעצער פון אַ דערבייאיקן גאַראַזש

געוויזן איר אַ טיר דורך וואַנען צו אַנטרינען.

און אָט איז זי פאַראַן. כ׳האָב אויפן זעקסטן שטאָק

אַן אָפּגעלעגן צימערל איר אָפּגעגעבן,

דאָרט איז זי טאָג און נאַכט אַליין. איר וועט זי זען.

נאָר קיינער, בעט איך אייך, באַדאַרף פון דעם נישט וויסן.

ביידע שכנות :

געוויס, געוויס.

הויז־וועכטערין :

גיט אַכטונג, היט אייך אויס
פאַר דעם קאָפּע־פּאַטראָן ביים ראָג, דעם גרויסן פלאַפּלער.
געהער׳ט, מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז פאַר די דייטשן.
אויך וואָרן איך אייך פאַר דער בלאָנדער, קעגנאיבער,
מען זאָגט, זי שלאָפט מיט זיי...

מאַדאַם ווידאַל :

אַ־דאָס־אָ חפץ ?...

הויז־וועכטערין :

דאָס חפץ, ווי איך זאָג עס אייך. אַן שפּאַס,
איך מיין, אַזאַ, וואָס איז פאַר זיי שוין מיטן גוף,
איז שוין במילא מיט דער צונג, און אַט־דאָס צינגל
טראָגט־אונטער מן־הסתם וואָס נאָר ס׳דערשנאַפּט...
(פון יענער זייט טיר הערן זיך טריט און אַ הוסטן)
ער לאָזט זיך הערן שוין, דער אַלטער מיינער.
שוין פון דער אַרבעט, און איך שטיי און פּלאַפּל
און כ׳האָב נאָך גאָרנישט צוגעגרייט צום עסן.

מאַדאַם ווידאַל :

אָהאָ, דער עיקר, ס׳זאָל נאָר זיין וואָס צוצוגרייטן...

הויז־וועכטער :

(מאַן פון דער הויז־וועכטערין, אַן אַרבעטער, קומט אַריין מיט אַרבעטס־טאָרבע אויפן אָרעם. באַטראַכט מיט פאַרביטערונג דעם צושטאַנד)
כ׳האָב זיך געריכט אויף דעם... אויף זיי איז אַלץ צו גלייבן.
(צו דער הויז־וועכטערין)
וואָס שטייסטו ? ווּעסט דען אָנפילן צוריק די וווינונג ?
גיי מאַך עפּעס צו עסן, אייל זיך אונטער !
(הויז־וועכטערין לייגט אַוועק די בילדער, וואָס זי האָט געהאַלטן ביז איצט, אויפן קאַמין. אָפּ)

דערקענט זיי נאָך אין גיינצן־זעכצן ביי ווערדען,

(פאַרשאַרצט זיך אַן ארבל)

כ׳האָב נאָך פון זיי אַ צייכן אָט־אָ דאָ.

(נעמט אַרויס פון זיין אַרבעטס־טאָרבע אַ שטיקל ברויט און אַ פלעשל מיט אַ ביסל וויין. שניידט פענעצלעך ברויט און עסט)

דאָס רעשט פון קעניגלעכן מיטאָג...

(פאַרהייבט דאָס פלעשל צום טרינקען)

פאַרן זיג !

מאַדאַם ווידאַל :

אַז ער זאָל קומען ווי אַמגיכסטן !

מאַדאַם זשיראַר :

פאַרן זיג !

הויז־וועכטער :

(נאָכן האָבן אויסגעליידיקט דאָס פלעשל)

אָהאָ, גאָר אַנדערש גייט זיך אויף די פיאַטעס

נאָך אַ נישקשהדיקן טרונק, בפרט נאָך

ווען די ידיעות פון די פראָנטן זענען גוט.

די רוסן שניידן זיך פאַרויס ווי אין אַ לעקער.

זייט זיכער, אַז זיי וועלן פונעם „באָש״ נאָך מאַכן

צוגלייך מיט אָט דער דער קופּע מיסט...

(פויזע. פאַרטראַכט זיך)

ווער ווייסט

וואָס ס׳איז מיט אַלעקסן...

מאַדאַם ווידאַל :

געהערט עפּעס ?

מאַדאַם זשיראַר :

געהערט ?

הויז־וועכטער :

דאָס וואָס איר ווייסט. אין תפיסה נאָך מסתם.
אַ דרייסטער חברהמאַן געווען דער אַלעקס,
האָט אויפגעריסן אַ קאַמיאָן מיט מיליטער.
פאַר אונדז אַוועקגעגעבן זיינע יונגע יאָרן.
ווער ווייסט, ווער ווייסט צי ער איז נאָך ביים לעבן איצטער...
מ׳האָט היינט גערעדט פון אים ביי אונדז אין דער פאַבריק,
גערעדט מיט ליבּ און ערע. כ׳האָב געהערט
מיט שטאָלץ באַהאַלטענעם און צער, און גאָרנישט,
פאַרשטייט זיך, קיינעמען געזאָגט, אַז כ׳קען אים.
דער אויטאָ מיט עס־עס, דערציילט מען, איז אַדורכגעפאָרן
צופרידן, זאַט און, ווי דער שטייגער, הויך געזונגען,
איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש מיט זיינע מענטשן...

ביידע שכנות :

נו ?...

הויז־וועכטער :

און זיי איינגעשטילט... זייט זיכער, קינדער מיינע,
מער וועלן זיי אין פראַנקרייך שוין נישט זינגען...

הויז־וועכטערין :

(קומט־אָן אַ שטאַרק־צעדודערטע מיט אַ בריוו אין האַנט)
כ׳האָב אייך אַ טרויעריקע בשורה אָנצוזאָגן,
(מיט אַ געבראָכענער שטים)
אַ לעצטער בריוו פון אַלעקסן... נישטאָ מער אַלעקס...
זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין מוטער.
(דערלאַנגט דעם בריוו)
לייענט, נאַט.

הויז־וועכטער :

כ׳האָב זיך גערעכט, ער וועט שוין נישט פון זיי אַרויס.

מאַדאַם זשיראַר:

(נעמט דעם בריוו, קוקט זיך איין אין אים און לייענט)

מיין הייס־געליבטע מאַמע טייערע. זיי וויסן,
איך שרייב צו דיר צום לעצטן מאָל, ווייל באַלד
וועל איך שוין מער נישט זיין, איך מאַך פאַר זיך
דעם לעצטן שוין סך־הכל און עס ציטערט נישט מיין האַנט.
און איינגעשטילט־באַרואיקט איז מיין האַרץ
און לויטער מיין געוויסן, ווי די טרערן דיינע.
איך טראַכט פון דיר און אויך פון אַלע מיינע פריינט
און פון די שיינע, קומענדיקע טעג,
ווען ס׳וועט די ערד נישט וויסן פון אַזויפיל בייז.
זיי מוחל, מיין געליבטע מאַמע, וואָס מיין טויט
וועט דיר אַזויפיל צער פאַרשאַפן. כ׳בעט דיך, ווייס,
אַז אַנדערש האָב איך נישט געקענט, אַז כ׳האָב געזען,
זיי נעמען צו אויף אומקום לאַזאַרן, מיין ברודער,
וואָס פלעגט נישט עפּעס אַנדערש טאָן ווי היילן מענטשן;
אַז כ׳האָב געזען, זיי ברענגען אום ראָזעטעלען, וואָס פלעגט
נישט עפּעס אַנדערש טאָן ווי שפּילן זיך מיט אירע פופּעס,
האָב איך פאַרשטאַנען וועלכן וועג זיך אויסצוקלויבן
כדי אַ זין צו געבן און אַ צוועק, אַ תכלית
די יונגע יאָרן מיינע, די פאַרשעמטע.
איצט קען איך רואיק שטאַרבן, ווייל מיין לעבן האָט
זיינס אָפּגעטאָן. און אין די לעצטע שעהן מיינע
באַדויער איך נישט מיינע טאָטן די גע׳רעכטע.
כ׳האָב גאָרנישט פאַרצוואָרפן זיך אין אָט דער רגע
און אויך נישט דיר און אויך נישט מיינע פריינט.
פאַרקערט, מיט ליבשאַפט נעם איך אַלעמען אַריין
אין האַרצן מיינעם און אין די מחשבות מיינע.
איך האַלט דיין בילד פאַר מיינע אויגן ווען איך שרייב,
און איך באַדעק עס הייס מיט קושן פון צעשיידונג.
נישט אָפּטאָן וועט זיך דיין געשטאַלט פון מיר

און לעבן ביז דער לעצטער רגע פון מיין לעבן.
איך הער דעם וועכטער גיין אין קאָרידאָר,
און באַלד וועל איך דעם שלאָס דערהערן ס'לעצטע מאָל,
נאָר וויסן זאָלסטו, אַז די מורא פאַרן טויט
האָט לאַנג שוין אויסגעוועפט אין מיין געמיט.
ווי איך בין שטאַרק צום טויט, זיי דו צום לעבן.
דאָס בלויז פאַרלאַנג איך און איך בעט ביי דיר.
דיין אַלעקס.

(פויזע. פיינלעכע, אַבלדיקע שטימונג)

מאַדאַם ווידאַל:

ווער וועט דער מוטער באַלד דעם בריוו דערלאַנגען ?

הויז־וועכטער:

דאָס טאָן קען יעטוועדער פון אונדז, נאָר איידער
מען גיט אים אָפּ דער מאַדאַם קאַפּלאַן, וויל איך
אַראָפּשרייבן פון אים וואָס דאָרטן שטייט,
איך זאָל דאָס קענען וויזן אין פאַבריק.
(נעמט איבער דעם בריוו מיט פיעטעט)

הויז־וועכטערין:

(נעמט דאָס בילד פון אַלעקסן און קוקט זיך איין דערין)
כ'געדענק אים נאָך ווען ר'איז געווען אַ פּיצלס...
דערנאָך געשפּילט זיך מיט די קינדער אויפן הויף...
דערנאָך די שול... געהערט אים שפּילן אויף דער פּיאַנע...
ס'האָט אים אַזוי געצויגן נאָר צום שפּילן תמיד,
ווי אַלע זייניקע, די קאַפּלאַנס...
(אַלע קוקן זיך איין צום בילד)

הויז־וועכטער:

(צום בילד געוואַנדן)

אַלעקס,
זיי האָבן דיך אין מיסט אַריין געשליידערט,

נאָר מיר, מיר האָבן דיך פון דאָרט אַרויסגענומען
און שעצן דיך און ערן דיך...

(נאָגלט צו דאָס בילד צו דער וואַנט איבערן קאַמין. די דריי פרויען גייען אַרויס. צו די אַרויסגייענדיקע)

וואַרט צו,

איך בעט אייך, ברענגט אַרויף אַ בינטל בלומען.

(די דריי פרויען אָפּ. הויז־וועכטער נעמט אַראָפּ דעם הוט, שווייגט פאַרן בילד פון אַלעקסן)

בילד זיבן

פּאַריז, 1944. דאַך־שטיבל, באַהעלטעניש פון פרידע קאַפּלאַן. באַשיידן מעבל. פרידע אַליין זיצט ביים טישל. זי פאַרמאַכט איר טאָגבוך, מיט וועלכן זי האָט זיך נאָר־וואָס פאַרנומען.

פרידע:

פאַרבאָרגנקייט! איך זינק אַריין אין דיר!
שוין באַלד צוויי יאָר ווי כ'בין אין דיר פאַרטייעט,
ווי אַ פאַריאָגטע חיה אין איר נאָרע,
בין דאַנקבאַר פאַרן חסד, וואָס מען טוט מיט מיר,
פאַר צודערלאַנגען מיר אַהער אַ לעפל וואַרעמס,
און פאַר דער וואַרעמקייט פון גוטן מענטש.
שוין באַלד צוויי יאָר ווי ס'פלאַטערט־אום מיין האַרץ
אין מיינע ליידיקע חדרים די פאַרלאָזטע,
כאָטש שטיל איז איצטער דאָרטן און געררוים —
עס קען מיין האַרץ קיין אָרט זיך נישט געפינען
און ס'שטעלט זיך אָפּ אין צער ביי יעדן ווינקל,
ווי ס'שטעלט זיך אָפּ אַ נע־ונדער פויגל
ביים אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען זיין נעסט.
און יעדע רגע אָנגעשטעלט איז מיין געהער
צום מינדסטן קלאַנג און שאָרך. איך ציטער־אויף
ביים סקריפּ פון טירן און ביים טרעט פון שיך,
ביים פלאַטער פונעם ווינט און זשומען פון דער פליג,
און מורא האָב איך פאַרן טומל פונעם טאָג
און מורא האָב איך פאַר דער שטילקייט פון דער נאַכט
און כ'וואַרט און וואַרט. צו וואָס, צו וואָס דאָס וואַרטן?
אָט זענט איר אַלע שוין אַוועק פון מיר, געטרייע מיינע,
איר זין און טעכטער, קינדער פון מיין הויז.
וואָלט מיך פאַר דיר די קויל גענומען, אַלעקס,

מיין קרוין פון קאָפּ, פאַרלאָשן ליכט פון מיינע אויגן.
בלויז מיך, בלויז מיך געמיטן האָט די האַנט פון אכזר,
ווי אויף להכעיס מיך געלאָזט, צי פאַר אַ זכר,
צי אפשר ווייל ס׳זאָל בלייבן ווער צום ליידן
צוליב די ליידן אייערע, פאַר אייער אומקום.
וואָלט ער פאַר אייך גענומען מיינע אַלטע ביינער!
ווער דאַרף זיי נאָך? ווי נמאס זענען זיי מיר איצטער!
אַ ווייטיק מיר פאַר אייַער ווייטיק, קינדער מיינע,
אַ בושה מיר פאַר מיינע ווייסע האָר!
ווי שווער, ווי שווער ס׳איז מיר צו קוקן איצטער
אין דעם געדעכעניש פון אייערע געזיכטער.
מיר דאַכט, אַן עוולה טו איך אייך מיט מיין מנוחה,
די נישטיקע און אויסגעבעטלטע ביים גורל,
און וואָס אין אייער פיין האָט נישט מיין גוף קיין חלק;
מיין גוף, וואָס איז געוואָרן מיר די שווערסטע לאַסט
און איבעריק, נישט מער אים צו פאַרטראָגן.
מער קען איך נישט!... איך וויל צו אייך אינגאַנצן!
איך גיי צו אייך, וויל זיין פאַרייניקט...
(רוקט־אויף האַסטיק אַ פאַרהענגל אין דער וואַנט, וו ס׳זעט זיך אַ קליין קיכל און אַ גאַז־מאַשינקע)
גאַז...
כ׳וויל שטאַרבן ווי עס איז מיין פאָלק געשטאָרבן...
(נעמט אין האַנט איר טאָגבוך)
כתב־ידן מיינע, איך געזעגן זיך מיט אייך.
איך שרייב דאָס לעצטע בלאַט, איך...
(עס דערהערן זיך אין טיר אָפּגעשמועסטע קלעפּ־צייכנס. פרידע קאַפּלאַן בלייבט שטיל אַ ווײַלע, וואַרט און ישובט זיך, גייט עפענען לסוף. עס קומען אַריין מאַדאַם זשיראַר, מאַדאַם ווידאַל, שטאַרק אויפגעלייגט און מונטער. ווערן אָבער געפּלעפט, דערזעענדיק פרידע קאַפּלאַן אין איר מצב)
מאַדאַם זשיראַר:
(אין איין אָטעם)
מאַדאַם קאַפּלאַן!...

(פויזע)

מיר האָבן אפשר אייך געשטערט אין עפּעס ?

פרידע :

געשטערט, און אפשר נישט געשטערט... וואָס איז דען ?

מאַדאַם ווידאַל :

(צו פרידען, נאָכן האָבן אַריינגעקוקט אין אָפענעם קיכל)

איך זע, איר האָט געגרייט זיך עפּעס אָפּצוקאָכן...

פרידע :

(צווייִדייטיק)

יאָ, יאָ, כ׳האָב זיך געגרייט...

מאַדאַם זשיראַר :

ס׳איז וויכטיקערס פאַראַנען !

מען זאָגט, אַז אונדזערע געפינען זיך שוין ביי פּאַריז !

פּאַריז שטייט־אויף !...

(עס דערהערן זיך ווידער די זעלבע קלעפּ־צייכנס וואָס פריער. פרידע עפנט. עס קומט אַריין די הויז־וועכטערין אַ שטאַרק אויפגעלייגטע)

הויז־וועכטערין :

אַ גוטע בשורה, קינדער !

מען טרייבט זיי און מען טרייבערט זיי, די דייטשן !

פּאַריז שטייט־אויף ! איר האָט דערלעבט זיך, מאַדאַם קאַפּלאַן,

זייט מונטערער !

פרידע :

דערלעבט, נאָר ווי אַזוי דערלעבט...

מאַדאַם זשיראַר :

לאָזט אָפּ דעם צווייפל איצטער, מאַדאַם קאַפּלאַן.

(עס דערהערט זיך אַ נישט־דייטלעכער טומל פון אונטן, פון דער גאַס, ווייטע געזאַנגען, קולות און קלעפּ פון שווערע כלים. אַלע, אַחוץ פרידע קאַפּלאַן, גייען צו צום פענצטער און קוקן אַראָפּ)

הויז־וועכטערין:

(צו פרידע קאַפּלאַן)

קומט גיכער! זעט נאָר, באַריקאַדן בויט מען!

פרידע:

(אַראָפּקוקנדיק דורכן פענצטער)

איך זע... וואָס פאַר אַ גליק איז דאָס צו זען!...

מאַדאַם זשיראַר:

(צו מאַדאַם ווידאַל און הויז־וועכטערין)

קומט, לאָמיר הערן וואָס עס טוט זיך אונטן.

(אַלע, אַחוץ פרידען, פאַרנעמען זיך אַראָפּצוגיין)

מאַדאַם ווידאַל:

(צו פרידע קאַפּלאַן)

מיר קומען באַלד צוריק.

(די פרויען, אַחוץ פרידען, אָפּ)

פרידע:

(אַראָפּקוקנדיק דורכן פענצטער)

ס'איז אמת וואָס איך זע.

ווי ס'קלאַפּט און קלימפּערט אונטן. באַריקאַדן!

ווי מיין צעוויייטיקט האַרץ קלאַפּט־מיט מיט אייך.

איר האָט פּאַריז באַדעקט, ווי שענסטע צירונג.

(גייט צו צום טישל, נעמט אין האַנט די כתבֿ־ידן, וואָס זי האָט פריער געהאַלטן. באַטראַכט זיי. פּויזע)

וועסטו שוין טאַקע זיין דאָס לעצטע בלאַט,

דאָס לעצטע בלאַט פון ליידן און פאַרצווייפלונג?

(עס דערהערט זיך פון דרויסן דאָס געזאַנג פון מאַרסעליעזע צוזאַמען מיט ענטוזיאַסטישע אויסרופן)

וואָס פאַר אַ פרייד עס האָט די שטאָט דערוואַרט זיך!

(צום פּאָרטרעט פון אַלעקסן אויף דער וואַנט)

אַלעקס,

ס'איז נישט באַשערט געווען דו. זאָלסט די פרייד דערלעבן.

זיי האָבן דיין פּאָרטרעט אין מיסט געשליידערט,
נאָר איך האָב אים אין צער און ליבשאַפט איינגעהילט,
און איצטער שטיי איך און איך קוק אויף דיר און פרעג:
צי וועל איך אין דיין טויט אַ זכות געפינען פאַר מיין לעבן?
(הערט זיך איין צום טומל אונטן אויף דער גאַס)
האָסט דיינס געטאָן, די פרייד זאָל היינט זיך לאָזן הערן;
אוי, דיינס געטאָן און נישט דערוואַרט זיך, אַלעקס.
(מאַדאַם ווידאַל, מאַדאַם זשיראַר און הויז־וועכטערין קומען אריין האַסטיק)

מאַדאַם ווידאַל:

(צו פרידע קאַפּלאַן)

באַפרייאונג! נאַט! איר קענט זי זען פון פענצטער!

פרידע:

(אַראָפּקוקנדיק אונטן דורכן פענצטער)

דו טייערער גערויש, איך האָב אין דיר אַ חלק...

הויז־וועכטערין:

(אַראָפּקוקנדיק)

נאַט, זעט, די בלאָנדע פירט מען דאָרט, די זונה!...
מען שניידט איר אָפּ די האָר, באַלד וועט זי זיין
אַ שאָנקייט, זאָג איך אייך, אַז אירע פריצן
נאָך וועלן זיך אויפסנייי אין איר פאַרליאַפּען!...
(שרייט אַראָפּ אונטן)
העי דאָרטן! שניידט נישט בלויז די האָר פון קאָפּ!
כ׳דערלויב אייך אויך דאָס קעפּעלע צו שניידן!
(לאַכט. מאַדאַם ווידאַל און מאַדאַם זשיראַר לאַכן. עס דערהערט זיך אַ גערודער אויפן סופיט, טופּעריי פון טריט. אַלע הערן זיך איין)

פרידע:

וואָס איז דאָס?

הויז־וועכטערין:

גאָרנישט. ס׳איז מיין אַלטער, מאַדאַם קאַפּלאַן.

ער זוכט דאָרט אויפֿן בוידעם אַלטע חפצים
און מעבל־שטיקער פֿאַר די באַריקאַדן.
דערשראָקן זיך ? געמיינט, חלילה, שדים ?
אַהאַ, זייט זיכער, אַז די לייט וואָל איך
אין אונדזער הויז קיין דירה נישט פֿאַרדונגען...

מאַדאַם ווידאַל :

אויך מירן עפּעס ברענגען פֿאַר די באַריקאַדן...

מאַדאַם זשיראַר :

אין יעדער באַלעבאַטישקייט געפֿינט זיך עפּעס.

הויז־וועכטערין :

איז קומט־זשע, נו, געגאַנגען. מאַדאַם קאַפּלאַן,
מיר זוכן עפּעס אויס און רופֿן אייך, זייט גרייט.
(אַלע, אַחוץ פֿרידען, אָפּ)

פֿרידע :

און איך... וואָס האָבן איך דען אַראָפּצוטראָגן ?...
זיי האָבן אַלץ אַרויסגעטראָגן פֿון מיין הויז :
מיין בעט, מיין טיש, מיין בענקל און מיין שאַנק,
און אויך מיין פּיאַנע — אונדזער הייליקע ירושה.
דאָך וועל איך גיין. כ׳וועל צוטראָגן אַ שטיין, אַ ברעט,
(נעמט אַראָפּ פֿון וואַנט דעם פּאָרטרעט פֿון אַלעקסן)
פֿאַר דיר, פֿאַר דיר, מיין קינד, מיין שיינער העלד.
(עס דערהערט זיך אַ טומל אין איינגאַנג, קלאַפּעריי פֿון מעבל־שטיקער אויף די טרעפּ)

די שטימען פֿון די פֿרויען אין איינגאַנג :

קומט שנעלער, מאַדאַם קאַפּלאַן !

פֿרידע :

כ׳גיי שוין, כ׳גיי !
(צום פּאָרטרעט פֿון אַלעקסן אין איר האַנט)

זיי רופן שוין... איך גיי מיט דיר, מיין קינד...

(איינהערנדיק זיך צום טומל אויף דער גאַס)

עס קלאַפּט... דיין קול וועל איך אין יעדן קלאַפּ דערהערן.

(פאַר דער אָפענער טיר גייט פאַרביי דער הויז־וועכטער, אַ שוּוער־באַלאַ־דענער מיט פאַרשידענע זאַכן פאַר די באַריקאַדן, אַלטע מעבלשטיקער, פון אונטער וועלכע מען זעט אים קוים אַרויס).

הויז־וועכטער:

(סאַפּענדיק שווער)

דעם גאַנצן בוידעם פאַר די באַריקאַדן!...

איך ריר זיך קוים און זע נישט ווו צו גיין,

און ס'איז נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל מיר העלפן.

ווו האָבן זיך אַהינגעטאָן די ווייבער, האַ?

(גייט פאַרביי, עס הערן זיך זיינע שווערע טריט)

פרידע:

(אַרויסלויפנדיק מיטן פאַרטרעט אין האַנט)

וואַרט־צו, וואַרט־צו, אַט קום איך אייך צוהילף!..

בילד אַכט

פראַנט אין דייטשלאַנד. ערב דער באַגעגעניש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און די פאַרבינדעטע. צווישן די סאָלדאַטן געפינען זיך: לאַזאַר, מאָטעלע, שבתי, אַנטאָני.

לאַזאַר:

(אויפגעלייגט)

אַ דאָקטער ווילן זיי, מען זאָל אים נישט באַדאַרפן...
דער פראָנט איז שטיל און יעדער איז געזונט און גאַנץ,
און ווען מען היילן איז נישטאָ אויף קיין רפואה,
כאָטש נעם און ציִ זיך אויס און כאַפּ אַ דרימל.

שבתי:

זאָג כאָטש קיין עין־הרע, גאָט צו דאַנקען
וואָס קיין קרבנות זענען היינט נישטאָ.

מאָטעלע:

אַז דאָס כלי־זין שווייגט, מסתּם דאַרף זיין אַזוי,
און קיינער דאַרף נישט פרעגן: וואָס־זשע שווייגסטו?...
נאָר איך, שוין אָפּגעוווינט פון אָט־דעם פּוסט־און־פּאַס,
פאַרטראָג נישט מער קיין שטילקייט אויף די פראָנטן.
און דאָ, כאָטש נעם און לייג די ביקס אין קימפּעט.
לאָזט געבן פייער, זאָג איך אייך, אַ פייער זוכט זיי!

סאָוויעטישער אָפיציר:

(קוקנדיק דורך אַ לאָרנעטע אין דער ווייטקייט)

מען זעט נישט מער קיין דייטשן אויף דער דייטשער ערד.

(אויפלעבונג צווישן די סאָלדאַטן)

מיר האָבן זיי פאַריאָגט. נישט ווייט, חברים,
געפינט זיך די אַרמיי פון די אַלירטע,
ווי ס׳איז אונדז שוין באַוווסט פון נעכטן אָן.

מאַטעלע :

אַמעריטשקע, זיך אויסגעפּאַרעט, ס'קאַצלט קומט !...

לאַזאַר :

(אין גוטן מוט)

נו, נו, באַליידיק נישט אַמעריקע, כ'האָב אויך
אַ חלק דאָרט אין איר : מיין ברודער פיליפּ...

סאָוויעטישער אָפיציר :

(קוקנדיק אין זיין לאָרנעטע)

איך זע פון ווייט אַריבערגיין צו אונדזער ליניע
דעם ערשטן פאָסטן זייערן ! אָט גייען נאָך !

(הייטערקייט און אויפלעבונג צווישן די סאָלדאַטן, זיי קוקן זיך איין אין דער ווייט)

שבתי :

(זיך אָנשטרענגענדיק ביים איינקוקן זיך)

די ראיה איז ביי מיר נישט אַזוי איי, איי, איי,

(צו מאַטעלען)

וואָס זעסטו, מאַטעלע ?

מאַטעלע :

איך זע זיי ! וואָס־זשע שווייגסטו ? !

שבתי :

וואָס זאָל איך שרייען גאָר ?... געמאַכט צו־לאַנג הכנות !...
אַ זינד פאַר גאָט... ווען זיי וואָלטן געקומען פריער
זיי וואָלטן איינשפּאָרן געקענט אַזויפיל לעבנס...

מאַטעלע :

נו, יאָ... כ'פאַרשטיי דאָך, בירקענוי איז נישט קיין באַנק;
מ'האָט דאָרטן איינשפּאָרן געקענט בלויז לעבנס
און נישט קיין „לאָקשן" און ממתקים, שבתי...

אַנטאָני :

עך, וועט מען נעמען באַלד דעם אמתן טרונק בראָנפן!

סאָוויעטישער אָפיציר :

(איינקוקנדיק זיך אין דער ווייט)

מען גייט צו אונדז, חברים, שטיל!

(פויזע. דערוואַרטונג. עס קומען אָן עטלעכע סאָוויעטישע און אַמעריקאַנער אָפיצירן און סאָלדאַטן. די דערוואַרטנדיקע רויטאַרמייער גריסן מיליטעריש. עס שטרעקן זיך אויס הענט. קעגנזייטיקע באַגריסונגען)

אַמעריקאַנער אָפיציר :

(צו די רויטאַרמייער)

העלאָ!...

(צו אַ מיטגייענדיקן אַמעריקאַנער אָפיציר, אין אַ זייט)

ווי שנעל זיי האָבן אָנגעיאָגט, די באָיס!...

טייוולאָנים!... ווען מיר קומען נישט באַצייטנס

זיי פריינטלעך צו באַגריסן אויף דער עלבע,

וואָלסטו געמוזט זיי אויפנעמען אין פראַנקרייך...

(אין הינטערגרונט פון דער בינע ווערט אויפגעשטעלט אַ פראָוויזארישער טיש. עס ווערט אויף אים פאַרשפרייט אַ מאַפּע און אַלע אָפיצירן קוקן זיך איין אין איר, שטודירן זי. אויפן טיש ווערן אויך ארויפגעשטעלט פאַרשידענע משקאות. אין פאָדערגרונט — די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און רויטאַרמייער אין פריינטלעכע באַגעגענישן. מען איז זיך מכבד מיט ציגאַרעטן, מיט שאָקאָלאַד און האַנט־דרוקן. מען באַקוקט קעגנזייטיק די געווערן)

מאָטעלע :

(זיך שטופנדיק פאָרויס)

לאָזט אויך דערלאַנגען מיך אַ פינפטל, ווי עס פאַסט!

אַנטאָני :

(דערזעענדיק ארויפשטעלן אויפן טיש די משקאות, צו מאָטעלען)

וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דער אמתער טרונק בראָנפן!

מאָטעלע :

נו, בראָנפן אויפן טיש, אַנטאָני, וואָס־זשע שווייגט מען ?!

איינער פון די צוגעקומענע רויטאַרמייער:

(צו זיינע חברים)

קען עמעצער פון אייך אַ ביסל ענגליש?

צווייטער רויטאַרמייער:

איך, עטוואָס.

(גייט צו צום נאָענטסטן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, דריקט אים די האַנט)

כ׳האָב דעם כבוד צו באַקענען זיך,

איך בין אַ שלאָסער פון סמאָלענסק...

אַמעריקאַנער סאָלדאַט:

און איך,

איך בין אַ מויערער פון פילאַדעלפיע.

רויטאַרמייער:

(דריקנדיק די האַנט פונעם אַמעריקאַנער סאָלדאַט)

זאָל זיין אין אונדזערע צונויפגעדריקטע הענט

צעדריקט דער שונא פון דער מענטשהייט!

אַמעריקאַנער סאָלדאַט:

מסכים,

זייט וויסן, אָט־די האַנט וואָס דריקט איצט אייערע,

האָט פריער נאָך באַדאַרפט צו אייך דערלאַנגען...

אָט וועל איך ווייזן אייך דאָס בילד פון מיין משפחה.

(דערלאַנגט בילדער)

רויטאַרמייער:

(באַקוקנדיק די בילדער)

רעדט קיינער נישט ביי אייך אַ ביסל רוסיש?

אַמעריקאַנער סאָלדאַט:

פאַראַנען עמעצער, מיר דאַכט זיך...

אַ דערבייאיקער אַמעריקאַנער סאָלדאַט :

(אַרויסהעלפנדיק)

קאַפּלאַן...

לאַזאַר :

(פאַרנייגעריקט, ווי פאַר זיך)

וואָס פאַר אַ קאַפּלאַן ?...

(עס קומען אָן נאָך עטלעכע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, צווישן זיי — פיליפּ)

דערבייאיקער אַמעריקאַנער סאָלדאַט :

אָט איז ער, ער גייט.

לאַזאַר :

(צוקוקנדיק זיך צו די אָנקומענדיקע און אָפּרייסנדיק זיך פון אָרט)

איך זע מיין ברודער, קינדער !

(ביידע ברידער פאַלן זיך אין די אָרעמס)

פיליפּ !

פיליפּ :

לאַזאַר !

דו ביסט עס טאַקע אויף אַן אמת ? !

(אַלע בלייבן פאַרגאַפט. די אָפיצירן, וואָס האָבן זיך ביז איצט פאַרנומען מיט דער מאַפּע ביים טיש, קומען צו)

אַלע פון סאָוויעטישן צד :

(זעענדיק די צוויי אַרומגענומענע ברידער)

בראַטיאַ...

אַלע פון אַמעריקאַנער צד :

בראַדהערס...

לאַזאַר :

אָט ווו עס האָט דער גורל אונדז צונויפגעפירט !...

מאַטעלע :

(זיך צושטופנדיק נעענטער צו ביידע ברידער)

און מיך דערקענט איר אויך מסתמא, פיליפּ.

פּיליפּ:

אַ שאלה גאָר!... דערמאָנט זיך, ווי כ׳האָב צוגעזאָגט
אויף ליליס חתונה, אַז מירן זיך נאָך זען...

שבתי:

(דערנעענטערנדיק זיך צו פּיליפּן)
לאָזט געבן אויך אַ ייד שלום־עליכם!
(דריקט פּיליפּן די האַנט)
פון וואַנען קען דאָס קומען איצט אַ ייד?

פּיליפּ:

אַ ייד קען קומען פון דער וועלט... עליכם־שלום!
(אַלע דריקן פּיליפּן די האַנט)

כאָוויעטישער אָפיציר:

(צו זיינע סאָלדאַטן)
וואָס פאַר אַ וווּנדערלעך געשעעניש אויף אונדזער ערד!
צוויי ברידער האָבן זיך אויף איר באַגעגנט
אַדאַנק דעם זיג פון אייערע געווערן!

אַמעריקאַנער אָפיציר:

(קלאַפּנדיק פּיליפּן איבער דער פּלייצע)
ווי וווּנדערבאַר! ווי ווּנדערבאַר!... דערלאַנגט מיר, באָיס,
אַ פּאָטאָ־צפּאַראַט, איך מאַך אַ פּיקטשע!...

כאָוויעטישער אָפיציר:

איז לאָמיר טרינקען פאַר דער ברודערשאַפט, סאָלדאַטן!
(אַלע דערנענטערן זיך צום טיש און נעמען צו ביסעלעך פון די אויס־
געשטעלטע משקאות)

שבתי:

אָט וועט מען נעמען באַלד דעם אמתן „לחיים״!
און טאַקע אויף דער ערד פון רשע גופא!

כאָוויעטישער אָפיציר:

כ׳הויב־אויף דעם כוס פאַר אונדזער זיג, סאָלדאַטן!

אַלע:

פאַר אונדזער זיג!

סאָוויעטישער אָפיציר:

(צו לאַזאַרן און פיליפן)

פאַר אייער װוּנדער־ראַנדעוו!

(לאַזאַר און פיליפ קלאַפּן־אָן זייערע גלעזלעך אין זיין גלאָז)

באַגעגנטע צוויי ברידער פון צוויי עקן וועלט,

מיט וואָס קען אונדזער מחנה ווייזן איר באַוואונדער

און שענקען אייך צום אָנדענק, ביט אייך אויס!

און וואָס איר וועט פאַרלאַנגען, וועלן מיר דערפילן.

אַמעריקאַנער אָפיציר:

(צו פיליפן און לאַזארן)

נו, לאָמיר הערן טאַקע אייערע השגות.

איר קענט דאָך ווערן ממש מיליאָנערן!...

לאַזאַר:

(נאָך אַ פויזע און איבערקוקן זיך מיט פיליפן)

איך גלויב, וואָס איך וועל דאָ פון אייך פאַרלאַנגען

וועט מסכים זיין און אויך באַשטיין מיין ברודער.

(פיליפ שאָקלט מיטן קאָפּ אויף הסכמה)

עס איז פאַראַן אַ שטאָט פאַריז און אין דער שטאָט

פאַראַנען איז אַ גאַס און אין דער גאַס

פאַראַנען איז אַ הויז און אין דעם הויז

זיצט אפשר נאָך אַן אַלטע מאַמע ביי אַן אַלטער פיאַנע,

שפּילט־אויס איר בענקשאַפט צו די קינדער אירע,

פאַרלוירענע און נישט־פאַרלוירענע אויף גאָרער ערד.

זאָל אונדז דערלויבט זיין, אירע זין די אָפּגעפונענע,

באַזוכן זי, נאָך אונדזער גרויסן זיג,

צוזאַמען מיט די שלאַכט־חברים אונדזערע,

פאַרברידערטע אויף אייביק דורכן זעלבן גורל.

סאָוויעטישער אָפיציר:

מיר נעמען אונדזער מחנה פאַר אַן עדות,
אַז אייער ווונטש וועט זיין דערפילט ווי נאָר
דער גרויסער קאַמף און זיג וועט זיין פאַרענדיקט.
און איצטער גייט אַ טאַנץ אויף אונדזער שונאס ערד
און לעבעדיק זאָל זיין, סאָלדאַטן, ווי עס פּאַסט!
(רויטאַרמייער מאַכן זיך גרייט אָנצוהייבן אַ טאַנץ)

לאַזאַר:

(צו זיין ברודער און צו זיינע חברים)
באַלד וועט דאָס זיין אַ טאַנץ אויף וואָס די וועלט שטייט!

מאָטעלע:

זי שטייט, די וועלט... זי שטייט היינט אויפן היטלער־פּגר...
(רויטאַרמייער וואַרפן זיך אַריין אין טאַנץ)
איז לאָזט מיך טאַקע גיין אַ טאַנץ אויף וואָס די וועלט שטייט!...

(וואַרפט זיך אַריין אין טאַנץ. אין מיטן טאַנץ פאַרשווינדט מאָטעלע. אין אַ זייט טוט ער זיך אויס די שטיוול און טוט־אָן זיין ערשטן טראָפּיי — די דייטשע קאַסקע — אויף זיין ביקס. מיט די שטיוול אין איין האַנט און מיט דער קאַסקע אויף דער ביקס אין דער צווייטער האַנט, וואַרפט ער זיך צוריק אַריין אין טאַנץ, אויסרופנדיק אין גרויס עקסטאַז)

סאָלדאַטן־ברידער, שטייט! און הערט מיך אויס!
(דער טאַנץ שטעלט זיך אָפּ)
אַזאַ מין חשק האָט מיך אָנגענומען איצטער:
זיך אויסטאָן באָרוועס, אַז עס זאָלן מיינע פיס
דערפילן בעסער נאָך די ערד פון אונדזער שונא!
טאַנצט ווייטער, ברידער! טאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט!...

בילד ניין

פאַריז, 1945. נאָך דער באַפרייאונג. די וווינונג פון ד״ר לאַזאַר קאַפּלאַן. דאָס זעלבע צימער, וואָס אין די ערשטע בילדער. פּשוט מעבל. אויף דער וואַנט אַ פּאָרטרעט פון אַלעקסן און אַנדערע משפּחה־מעמבערס. אַרטור, צוריקגעקומען פון קריגס־געפאַנגענשאַפט, האַלב מיליטעריש געקליידט, און לילי.

לילי:

פינף יאָר, זאָגסטו, האָסטו מיך נישט געזען.
און בלויז צוליב דיין אָפּגעפינען מיך,
און זיין מיט מיר נאָך אַזאַ לאַנגער צייט
פון ליידן, בענקשאַפט, פרעמדקייט און צעשיידונג
באַדאַרף גאָר איצטער, דאַכט זיך מיר, דיין פרייד
זיין גרעסער ווי זי איז אין מיינע אויגן.

אַרטור:

זיי מוחל און פאַרשטיי, פינף יאָר איז נישט קיין טאָג,
פינף יאָר האָט אין מיין האַרץ געלויכטן דיין געשטאַלט,
איז ליכטיק מיר געווען מיין טונקעלער און שווערער וועג
און ליידן שווערע פלעג איך לייכטער איבערטראָגן
ווען כ׳האָב געוווּסט, אַז ערגעץ־ווו איז עמעצער פאַראַן,
וואָס טראַכט פון מיר און וואַרט אויף מיר כסדר;
און קומען וועט אַ טאָג — האָב איך געהאָפט, געגלויבט —
און איך וועל ווידער זיך געפינען לעבן דיר.
נאָר ווי דער שאַרפער שטעכלדראָט האָט יאָרנלאַנג
געפרעסן און געפּיקט די שיין פון מיינע אויגן,
האָט אויך דער צווייפל אָפּט מיין האַרץ געפרעסן:
ביסטו די זעלבע לילי מיינע, ווי געוועזן ?
האָט נישט דער ווייטער שטח דיך פון מיר דערווייטערט ?

דער אָפּשטאַנד פון דער צייט דיך אָפּגעפרעמדט ?
איז נישט מיין האָפנונג, צוליב וואָס איך לעב,
בחינם, אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט ?
און אפשר טאָר איך גאָר קיין פאַרוואורף דיר נישט מאַכן ?
ביסט יונג און ביסט צום לעבן ברייט פאַרבעטן,
און איך בין ווייט. און וואָלט איך אויף דיין אָרט געוועזן,
כ׳וואָלט אפשר נוהג זיך געווען ווי דו, קען זיין.
פאַרגעס נישט, לילי, פינף חדשים ווי מיר האָבן
זיך ליב געהאַט און נאָך די פינף חדשים
פינף יאָר געוועזן זענען מיר צעשיידט;
אַז פון דער חופה בין איך צום טראַנשיי אַוועק
און אַז מיין זיסער האָניק־חודש איז געוועזן
דאָס ביטערע קאַזאַרמע־לעבן. טראַכט איך אָפט :
איז נישט די ליידיקייט פון אונדזערע פינף יאָר,
פאַרלוירענע אין בענקשאַפט און צעשיידונג,
אַ תהום, אַ טיפער תהום אין אונדזער לעבן ?
מיר דאַכט, די ליידיקייט וועט זיין מיט אונדז כסדר,
און כאָטש מיר זענען נאָענט איינער פונעם צווייטן —
די ליידיקייט געפינט זיך צווישן אונדז.

לילי :

כ׳האָב דיך געלאָזט אַראָפּרעדן פון האַרצן.
כ׳באַנעם דעם ליידן־אָנגעזאַמל דיינעם,
וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין משך פון דער צייט.
נו, זאָל דיר לייכטער זיין נאָך דיינע רייד.
כאָטש ווייט ביסטו פון מיר געוועזן, אַרטור,
אין טרערן איז מיין האַרץ מיט דיר געוועזן.
זאָל זיין מיין טרער אויך איצט אַ צייכן פון מיין טריישאַפט.

אַרטור :

איז אמת דאָס ?

לילי:

פאַרוואָס דער צווייפל, אַרטור?

אַרטור:

ס'איז נאָך נישט אַלץ. וואָס ווערסטו זאָגן, אַז איך האָב
מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק אַ בריוו באַקומען
פון פעליקסן. ער שרייבט צו מיר פאַרטרויליעך,
און ווי אַ טרייער פריינט פון אונדז, פאַרשטייט זיך,
אַז קערסט זיך אָפּ פון מיר און בלויז לפנים
דו ענטפערסט מיר אויף מיינע בריוו...

לילי:

וואָס, אַרטור?!
גלויבסט גיכער אין טייוולאָנישער רכילות
פון אָט אַזאַ, ווי אין די טרערן מיינע?!
אַזאַ, וואָס האָט זיין פאָלק פאַראַטן און במילא
זיין נאָענטן קרייז, ווי כ'האָב דיר שוין דערציילט?

אַרטור:

(וויל ענטפערן, געפינט נישט קיין רייד)

לילי:

און איצטער, ווייסט דען עמעצער ווו ס'איז
זיין נבזהדיק געביין אַהינגעקומען?...
(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע)
ווען ס'האָט דער שונא זיך אין וועג אַריין געגרייט
פאַריז פאַרלאָזן אין געאייל און אין בהלה,
צוריק אַנטלויפן אין זיין וויסטער נאָרע
פון וואַנען ר'איז אַרויס אויף אונדזער לעבן,
האָסט זען באַדאַרפט, ווי ער, דער פיינט, אין שטיקער אָפּפאַל,
צעריסן און צעפליקט אין גרויסן שטראָם
פון אויפגערודערטן פאַריז, האָט זיך געשלעפּט

צום אור־שטאַם זיינעם. און אין אַט־דעם קויט מסתמא
האָט אויך זיך נאָכגעשלעפּט אַ נאָמען — פעליקס.
איז ווילסטו גלויבן אַט אַזאַ, צי ווילסטו
אַז שווערן זאָל איך דיר ביי אַט־די ווענט,
(ווייזט אויף די משפּחה־פּאָרטרעטן)
געהייליקט מיטן אָנדענק, ווי דו זעסט,
פון אונדזערע פאַרשווונדענע...

אַרטור:

זיי מוחל, לילי...
(עס הערט זיך אַ קלונג. לילי גייט עפענען. עס קומט אַריין די הויז־וועכטערין)

הויז־וועכטערין:

כ׳באַדויער, קינדער, אויב כ׳האָב אייך געשטערט.

אַרטור:

נישט איר האָט אונדז געשטערט...

הויז־וועכטערין:

כ׳מיין, ווערמען־ווערמען,
נאָר אייך דאַרף קיינער שטערן, האָט אייך ליב
און נעמט אייך אָפּ, ווי ס׳דאַרף צו זיין, פאַר אַלע צייטן,
פאַר אַלע צייטן און להכעיס אַלע שונאים.
קיין עצה דאַרף איך אייך נישט געבן. אייגנטלעך
בין איך אַ צווייטע עצה אייך געקומען געבן:
מיין מאַן האָט איצטער צייט, וויל גיין מיט אייך
צו יענע מאַגאַזינען ביי דער סענע,
פון וועלכע כ׳האָב אייך שוין דערציילט, אַ טריט פון דאַנען,
אַ דאָרטן, וווּ עס דאַרפן זיך געפינען
די אָנגערויבטע חפצים, וואָס דער דייטש
האָט נישט באַוויזן אָפּצושיקן. וועט איר אפשר
דערקענען דאָרטן אייער פּיאַנע.

לילי:

יאָ, מיר גייען.
איך דאַנק אייך פאַר דער טירחה.

הויז־וועכטערין:

אָ, נישטאָ פאַרוואָס.
כ׳האָב זי געזען אַרויסטראָגן פון אייך, די פּיאַנע,
וואָלט איך געוואָלט זי זען נאָך דאָ צוריק...
(לילי און אַרטור מאַכן זיך גרייט אַוועקצוגיין)

לילי:

וואָלט ער מיר איינמאָל כאָטש צוליב געטאָן
און אויסגעטאָן דאָס זעלנערישע רעקל,
איך האָב אים פיינט אַזוי, עס שמעקט פון אים
מיט זעלנערישן הפקר.
(צו אַרטורן, צערטלעך)
טו עס אויס, מיין ליבער.

הויז־וועכטערין:

וואָס מיינט איר, לילי? שווער זיך אָפּגעוווינען.
דער לאַגער ליגט נאָך אין די ביינער. פאָלגט־זשע מיך
און האָט אייך ליב אין וואָסער בגד ס׳זאָל נישט זיין.
זייט איר די קלוגע. נישט דאָס בגד איז דער עיקר...
(קוקט נאָך מיט צופרידנקייט די אַרויסגייענדיקע לילי און אַרטור. עס קומט אַריין פרידע קאַפּלאַן)

דאָס יונגיטשקע פאַרפאַלק האָב איך נאָר־וואָס
געשיקט אין גאַס אַריין, נישט ווייט דאָ, צו דער סענע,
דערקענען אייער מעבל, און דער עיקר,
די פּיאַנע אייערע, פאַרשטייט זיך, קודם־כל,
אין מאַגאַזין, פון וועלכן כ׳האָב איך שוין דערציילט.

פרידע:

(זעצט זיך אַוועק. שטריקט)

דאָס יונגיטשקע פּאָרפּאָלק... איך שטריק פֿאַרביידן,

זיי זאָלן נוצן דאָס אין שלום־בית.

הויז־וועכטערין:

איך ווינטש אייך, מאַדאַם קאַפּלאַן, אַז איר זאָלט

דערלעבן באַלד צו שטריקן פֿאַרן דריטן אויך,

וואָס וועט מיט מזל קומען צו דער צייט מסתמא...

פרידע:

איך דאַנק אייך, איך בין גרייט.

הויז־וועכטערין:

אויף ווידערזען.

(אָפּ. פרידע אַליין. שטריקט. פּויזע. עס הערט זיך אַ קלונג און אַ טומל פֿון עטלעכע שטימען הינטער דער טיר. פרידע גייט עפֿענען. פֿון קאָרידאָר, הינטער דער בינע, הערט זיך איר אומגעריכט באַגעגענען זיך מיט לאַזאַרן און פֿיליפּן, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט מאַטעלען און שבתין)

די שטימען פֿון לאַזאַרן און פֿיליפּן:

(פֿון הינטערן קאָרידאָר)

דערקענסט אונדז, מאַמע ? !

פרידע:

(פֿון הינטערן קאָרידאָר)

לאַזאַר, פֿיליפּ, קינדער !

(פֿון הינטערן קאָרידאָר הערט זיך נאָך דער טומל פֿון די באַגעגנטע, דאָס האַלדזן און קושן פֿון מאַמע און זין. אַלע דערשיינען. לאַזאַר, פֿיליפּ, מאַטעלע, שבתי — מיליטעריש געקליידט. פרידע, צווישןביידע זין, אַרומגענומען)

פרידע:

וואָס פֿאַר אַן אומגעריכטע געסט ! וואָס פֿאַר אַ גליק !

מיר ווילט זיך וויינען אַזש פֿאַר פֿרייד, באמת.

איך האָב דאָך מיינע אויגן אויסגעווײנט פאַר אייך
און איצטער גאָר קערט איר זיך אום צוזאַמען.

פיליפּ:

און ווי דו זעסט, האָט אונדז דער קריג צונויפגעפירט
אַזוי ווי ער האָט אונדז צעשיידט...

מאָטעלע:

נישט מאָטעלען!
מיך האָט ער נישט צעשיידט. די גאַנצע צייט
(נוייזנדיק אויף לאַזאַרן. צו פרידע קאַפּלאַן)
האָב איך געהאַלטן זיך אין אייער הויז.
און אים געטריי געווען ווי שטענדיק, מאַדאַם קאַפּלאַן.

פרידע:

דער זעלבער מאָטעלע, דער זעלבער ווי געוועזן...

לאַזאַר:

(בשעת ער געפינט זיך אויף איין זייט פון פרידען און אויף דער צווייטער זייט — פיליפּ)

קוקט־אָן, נישט לאַנג איז צווישן מיר און פיליפּן
געווען דער גרעסטער שונא אונדזערער, און איצט
איז אַנשטאָט אים פאַראַנען אונדזער מאַמע!

מאָטעלע:

כ׳מיין, נישט קיין שלעכטער טויש, האַ, שבתי?

שבתי:

לאָז אָפּ אַצינד די חכמות דיינע. שטער זיי נישט.

פרידע:

איך קען נאָך אַלץ נישט גלויבן מיינע אויגן,
נאָר לויט דעם אָנטאָן אייערן פאַרשטיי איך גוט
פון וואַנען איר קומט־אָן, פון וועלכע קאַנטן.

באַלד קומען לילי, אַרטור, וועלן גליקלעך זיין !
(ווייזט אויף דער וואַנט, אויף די משפחה־פּאָרטרעטן)
נאָר זיי... איך וואָלט נישט וועלן אַנטאָן אייך קיין צער...

לאַזאַר :

אַלצאיינס, עס שאַט נישט, מאַמע, ווייל דער צער
איז אַנגעטאָן במילא היינט אויף יעדן ;
דער צער איז היינט אַ גאַסט אויף אונדזער יעדער שמחה.
צי זע איך נישט די בילדער פון מיין פרוי און קינד
אין שוואַרצן אויף דער וואַנט אַנטקעגנאיבער ?
קום איך דען נישט צו גיין מיט מיין אבידה ?
כ׳וואָלט נישט געוואָלט פאַרשוועכן מיט מיין שמחה
דעם צער פון מיין אבידה און כ׳וואָלט נישט געוואָלט
כ׳זאָל מיט מיין צער מבייש זיין מיין שמחה.
אָ, גרויס איז זי, מיין פרייד, צו זען דיך היינט,
צו קענען ווידער פון דער נאָענט דיך רופן : מאַמע !
דאָס האָט זיך סטאַלינגראַד געמיט פאַר אונדזערטוועגן,
מיט פייערדיקן כוח האָט דאָס וואַלגע־האַרץ
נישט אויפגעהערט צו שלאָגן און דעם פיינט צו שלאָגן,
אַז מאַמע זאָל זיך ווידער רופן מאַמע,
און מענטש זאָל ווידער הייסן מענטש.

שבתי :

דערלויבט,
מיין ליבע פרוי, אויך איך זאָל אָנרופן אייך : מאַמע.
יתומים זענען מיר פאַרבליבענע אין צער.
יתומים פון מיין פאָלק און פאָלק מיינס פון יתומים.
דעריבער זייט־זשע אונדזער יעדנס מאַמע,
זייט היינט די מאַמע פונעם ציבור, ווייל אַזוי
געוועזן איז דער רצון פונעם ציבור.

מאַטעלע:

נאָר נישט געזאָרגט זיך, מאַדאַם קאַפּלאַן, פון אַ יתום
אַזאַ ווי איך אַפילו, ווי איר קוקט מיך אָן,
נאָך קומען וועלן ווידער טאַטעס, מאַמעס,
יונגאַטשעס קרעפּטיקע, געשמאַקע כלה־מיידן,
וואָס זאָלן שוין נישט וויסן מער פון אונדזער בראָך.

(נעמט אַרויס פון זיינע פּעק די דייטשע קאַסקע און די לאָפּעטע. אויפהייבנ־דיק די לאָפּעטע אין דער הויך)

דאָס האָב איך זיך באַמיט, שוין מיט איין פוס אין קבר !...

(עס דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג און אַ טומל אויף יענער זייט טיר)

פרידע:

ענדלעך, ענדלעך !

(אַלע לאָזן זיך אַהין צו דער טיר פון קאָרידאָר. עס הערט זיך דאָרט אַ טומל פון די אַריינגעקומענע לילי און אַרטור, הויז־וועכטערין, הויז־וועכטער, מאַדאַם זשיראַר, מאַדאַם ווידאַל. עס הערט זיך פון היגטערן קאָרידאָר ליליס שטים)

לילי׳ס שטים:

אַ, ברידער מיינע, לאַזאַר, פיליפּ !

לאַזאַרס שטים:

(פון היגטערן קאָרידאָר)

לילי !

(אַלע דערשיינען. עס ווערט אַריינגעפירט די פּיאַנע)

לילי:

וואָס פאַר אַ גליק ! וואָס פאַר אַן איבעראַשונג !

מאַדאַם זשיראַר:

מיר גריסן אייך צו אייער גליק און יום־טוב.

פרידע:

(באַרירנדיק אַ גליקלעכע די פּיאַנע)

„דעם זיידנס ניגון” האָט זיך אומגעקערט פון גלות.

לאַזאַר:

געשלאָגן האָט מען זיך פֿאַר אים אויף אַלע פראָנטן...

מאָטעלע:

נאָך ווי געשלאָגן!... כ׳בעט אייך, מאַדאַם קאַפּלאַן,
מיר זענען דאָ און אויף די פּיאַנע האָט זיך אָפּגעפּונען —
איז וואָס־זשע שווייגט איר, נו?

פרידע:

באַלד, באַלד.

לאַזאַר:

...געשלאָגן האָט מען זיך פֿאַר אים אויף אַלע פראָנטן,
(צו פרידע קאַפּלאַן)
אַז ער זאָל לאָזן הערן זיך אויפסנייַ פון דיינע הענט.
דערמאָנסט זיך, מאַמע, אין דער נאַכט פון גרויסן אומגליק,
כ׳האָב דיך געהייסן שפּילן פאַר דער שכנה פרענקעל.
דיין ליד האָט זי באַגלייט צו איר לוויה,
איצט זאָל עס קלינגען ווי צום אָנדענק פון איר טויט.
שפּיל־אויף צום אָנדענק פון מיין פרוי און קינד,
פאַרלוירן ערגעץ אָן אַ שפּור און סימן;
שפּיל־אויף פאַר שוועסטער, ברידער און פאַר אַלע,
וואָס כ׳האָב געהיילט. אַמאָל האָב איך געהאַלטן,
אַז היילן קראַנקע מענטשן — דאָס איז הייליק.
נאָר שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַ וועלט איז קראַנק,
אַ וועלט איז חולה און מען דאַרף זי היילן
און יעטוועדער פון אונדז דאַרף זיין דער רופא.
האָב איך אָנשטאָט דאָס טרייבל צו אַ קראַנקן גוף,
כלי־זין צוגעלייגט צום אייגענעם געזונטן קערפּער.
דערמיט, האָב איך געזאָגט, וועסט אויסהיילן אַ וועלט;
פאַרשרייבן דאַרף מען איר אַ פּיל פון פעך און שוועבל,

אַז זי זאָל קענען קומען צו די כוחות
און אויף דור־דורות שטיין אויף אירע פיס !

הויז־וועכטער :

(אויפהייבנדיק אין דער הייך אַ פלאַש)
דערלויבט מיר צו באַטייליקן זיך אויך אין אייער שמחה !
דאָס פלעשל איז אַן אַלטס, געלעגן איז עס לאַנג
אין דרערד, און כ׳האָב געגעבן זיך אַ נדר :
די פלאַש וועל איך אַרויסנעמען פון דרערד
ווען ער, דער „באָש״, וועט זיין אין דרערד, פאַרשטייט זיך.
נו, איצטער, מיין איך, איז די צייט געקומען.
איז לאָמיר טרינקען היינט לכבוד אייער יום־טוב !
(גיסט־אָן אַלעמען צו גלעזלעך)

שבתי :

איז ראשית, לאָמיר טרינקען פאַרן נס פון סטאַלינגראַד !
והשנית, אַז מיר זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער !

מאָטעלע :

והשלישית, פאַר דער אויסגעלייזטער פלאַש !...

פרידע :

(אין גוטן מוט)
דער זעלבער מאָטעלע, דער זעלבער ווי געוועזן.

לאַזאַר :

(צו פרידע קאַפּלאַן)
כ׳הייב־אויף דעם כוס, אַז דו זאָלסט שפּילן ווידער.
„ווידער !״ זיין זאָל אונדזער הייליקער געבאָט !
„ווידער !״ — רופט מען אויס צו אונדז פון אַלע קברים !
זאָל ווי אַ שבועה פונעם האַרצן קלינגען : ווידער !

פרידע:

כ'הייב־אויף דעם כוס — דעם סימן פון דער שמחה.
מיין כוס איז אָבער אויך פון טרערן פול.
דעם טרויער און די פרייד געפינט מען היינט
בשכנות אין מיין האַרצן. איז מיין ווונטש:
זאָל זיך די פרייד נישט אָפּטאָן היינט פון אונדזער טרויער,
זאָל זיך דער טרויער היינט נישט אָפּטאָן פון דער פרייד.
(נאָך אַ קליינער פויזע)
מיר זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער!

אַלע:

(אויפהייבנדיק די גלעזלעך)
מיר זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער!

פרידע:

(צו דער פיאַנע)
מיין הייליקע ירושה, וואָס איך האָב געמיינט,
אַז ביסט אויף אייביק שוין פאַר אונדז פאַרלוירן
און וואָס איך האָב זיך שוין געהאַט מיט דיר געזעגנט,
(זעצט זיך צו דער פיאַנע, שפּילט „דעם זיידנס ניגון". שפּילנדיק)
נעם־אויף צוריק דעם ריר פון מיינע פינגער,
וואָס שטרעקן זיך אויפסניי צו דיר אין ליבשאַפט,
און וואָס באַהעפטן זיך מיט דיר, ווי מיט די שאָטנס
פון דורות שוין פאַרגאַנגענע און ווייטע.
איך שפּיל פאַר די, וואָס זענען מער נישטאָ מיט אונדז
און זייער ליד דערזינגט דער ווינט אין חורבות;
איך שפּיל פאַר די, וואָס קומען וועלן זיי נאָך מיר
און וועלן ווייטער צי'ען אונדזער ניגון.
(ווען זי ענדיקט שפּילן שפּרינגט מאָטעלע אַרויף אויפן טיש מיט דער דייטשער קאַסקע און מיט דער לאַפּעטע)

מאַטעלע:

כ׳וואָלט אויך געשפּילט, נאָר מ׳האָט מיך נישט געלערנט,
האָב איך געשפּילט, אַזוי ווי כ׳האָב געקענט.

(העגנט־אָן די קאַסקע אויף אַ שטיקל רער פון דעם צעשטערטן דורך די דײַטשן זשיראַנדאָל, וואָס אונטערן סופיט און גיט אין איר אַ מעכטיקן קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע)

אַזוי האָט מאַטעלע געשפּילט „דעם זיידנס ניגון״!

שפּילט ווידער, מאַדאַם קאַפּלאַן! וואָס־זשע שווייגט איר?!

(פרידע קאַפּלאַן שפּילט־אויף. פאָרהאַנג פאַלט שנעל ביי די ערשטע טענער)

☆